STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05951

IN TSIEN'S VAYNGERTNER

M. Aaronson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיכל אראָנסאָן

אין ציון'ס ווײַנגערטנער

פּאָעמען און באַלאַדען

ניו יאָרק

1936

איינלייטונג

אידען האָבען די רייכסטע פאָלקס ליטעראַטור אין די אגדות און מדרשים און דאָך האָט זיך נאָך ניט געפונען קיין איין דיכ־טער וואָס זאָל צוזאמענגעהמען די אלע אגדות און מדרשים און מאכען דערפון איין ווערק אויף דעם שטייגער פון דער „איליאדע" אָדער „ניבעלונגען ליעד" און א פארבינדונג איז דאָ צווישען די אלע אגדות און מדרשים, ווייל זיי ריהרען אָן דאָס אידיש לעבען, זיינע עטהישע און פילאָזאָפישע בעגריפען פון ששת ימי בראשית, ביז דעם גלות.

אין דער זאמלונג פון מיכל אראנסאָנ׳ס נאציאָנאלע פּאָעמען און באלאדען גיבען מיר פאר די לעזער דעם דיכטער׳ס פארזוך צו שאפען אזא ווערק. אין דער רייהע באלאדען און דער „אב־טהיילונג „מצרים און מדבר" נעהמט עס אָן מעהר אָדער ווע־ניגער א כראָנאָלאָגישע פאָרמע און זיי בעהאנדלען איין וויכטיגע פעריאָדע אין דעם אידענ׳ס געשיכטע — יציאת מצרים.

מיכל אראנסאָן טראָגט זיך שוין לאנג ארום מיט דעם גע־דאנק צו שאפען די פּאָעמא הערָאאיקא — די העלדען־פּאָעמע פון אידישען פאָלק וואָס זאָל ארומנעהמען זיין פינף טויזענד יעהריגע עקזיסטענץ אבער פאר אזא ארבייט פאָדערט זיך מעהר רוה און דערוויטערונג פון דער אלטעגליכער זאָרג. דער דיכטער האָט זיך ניט איינמאָהל אויסגעדריקט פאר זיינע פריינד, אז זי־צענדיג אין ניו יארק קען מען ניט שאפען קיין ארץ ישראל בילד אין דער צייט וואָס ער האָט קיינמאָהל ניט געזעהן ארץ ישראל, כאָטש ער האָט שטענדיג געזונגען וועגען דאָס היילינע לאנד. אין ארץ ישראל וואלט ער דעריבער געקענט פארענדיגען די פּאָעמע „יציאת מצרים" און ארבייטען אויף די אנדערע טהיילען פון זיין גרויס ווערק.

דער דיכטער ווייס אז די צייט שטעהט ניט אויף איין אָרט און ער האָפט, דאָס אויב ער וועט ניט קענען פארענדיגען די אר- בייט, וועט זיך געפינען אן אנדער אידישער דיכטער וואס וועט עס פאָרטזעצען אָדער שאפען זיין אייגענע ווערק.

דער מאטעריאל פאר א דיכטער וואס וויל שאפען אזא ווערק ווי מיכל אראנסאן האָט זיך פאָרגענומען דארף איינגע- טהיילט ווערען אין פינף חלקים און אין פינף באזונדערע פעריאָדען. די ערשטע פעריאָדע פון בריאת עולם ביז מצרים; די צווייטע פעריאָדע — יציאת מצרים און דעם אידענ׳ס וואנ- דערען אין מדבר; די דריטע פעריאָדע — ארץ ישראל און דער חורבן; די פיערטע פעריאָדע — דער גלות; און די פינפטע פעריאָדע — אידישע האָפענונג אין די עליה.

גלות און די אידישע האָפענונג האָט מיכל אראנסאָן בע- זונגען. וועגען יציאת מצרים און מדבר האָט ער א רייהע באלאָ- דען וועלכע איהר וועט געפינען אין דיזען בוך. „אין ציון׳ס וויינ- גערטנער“ איז זיין איינציגער פארזוך צו שאַפען עפּעס וועגען דער דריטער פעריאָדע. זיין ווייטערע ארבייט וועט זיין צו פארענדיגען „יציאת מצרים“ און די באלאדע „שבת“ פון וועלכער צוויי פראג- מענטען זיינען דאָ געדרוקט און אויך א נייע פּאָעמע „משיח“, וועלכע ער האָט שוין אָנגעפאנגען.

די זאמלונג פון מיכל אראנסאָנ׳ס נאַציאָנאלע פּאָעמען און לידער ווערט ארויסגעגעבען לכבוד דעם דיכטער׳ס 40 יעהריגע ליטערארישע טהעטיגקייט דורך א קאָמיטעט פון זיינע חברים ציוניסטען.

אין ציון:ס ווײַנגערטנער

צוויי מאָהל אין יאָהר פלעגען ציון׳ס טעכטער זיך פאַר־זאמלען אין די וויינגערטנער, פלעגען זינגען און טאנצען און זיך אויסקלייבען חתנים, דאָס איז געווען חמשה עשר באב און יום-כפור. די גמרא גיט אונז זאָגאר איבער וואָס די מיידלעך פלעגען זאָגען צו די בחורים און מיט וואס די שעהנהייטען, נגידות׳טעס און מיוחסת׳ן האָבען זיך באריהמט פאר זיי. דער דיכטער האָט בעארבייט די דאָזיגע טהעמע אין דער פּאָעמיע „אין ציון׳ס וויינגערטנער" און האָט אין דעם געזאנג פון די מיידלעך איבער-גענעבען דעם אינהאלט פון זייער אַפּיל צו די בחורים לויט ווי עס ווערט דערמאָהנט אין מסכת תענית.

אין ציון׳ס וויינגערטנער

(לויט דעם תלמוד)

פון דעם קלאָרען, בלויען הימעל,
קוקט די הייסע זון ארונטער
אויף די פרוכט-באַדעקטע גערנטער,
אויף די גערטנער פון יהודה,
הענגען פולע, זאַנפטע טרויבען,
אויפ׳ן וויינשטאָק און די שטראַהלען
פון דער זון אין בלויען הימעל
טונקען איין אין ליכט די טרויבען,
און עס דוכט זיך, אַז עס הענגען
פראַכטיג שטראַהלענדע רובינען...

פון דעם קלאָרען, בלויען הימעל,
קוקט די הייסע זון אַרונטער,
קיהלט די לופט דער דרום-ווינטעל,
לאַשצעט, גלעט די זאַנפטע טרויבען,
וועלכע פינקלען ווי רובינען,
איינגעטונקט אין זונען-שטראַהלען...
קיהלט די לופט דער דרום-ווינטעל,
ברייננגט דעם דופט פון פרישע פירות,

פון די צעדערן לבנון׳ס,
פון די בלומען פון דעם שרון.

אין די גערטנער פון יהודה,
שטעהט די יוגענד היינט פארזאמעלט,
שטעהען יונגע ציון׳ס טעכטער
אנגעטהאן אין ווייסע קליידער,
און זיי טאנצען, און זיי זינגען,
ווארפען פול-באזעעלטע בליקען
אויף די בחורים, און רופען
אין א כאר פון יונגע שטימען:
„קום אהער, דו שעהנער בחור
קלייב זיך אוים אצינד א כלה!״

כאר פון אלע מיידלעך:

אין דעם יום טוב טאנצען מיר,
אין דעם יום טוב זינגען מיר,
הי-לו-לא, הי-לו-לא,
ס׳איז א מנהג שוין אזא!
בחור, קוק זיך צו צו אונז,
קלייב זיך איינע אוים פון אונז!
הי-לו-לא, הי-לו-לא,
הי-לו, הי-לו, הי-לו-לא!

ציון'ס טעכטער זיינען מיר,
וויים געקליידעט געהען מיר,
הי־לו־לא, הי־לו־לא,
ס'איז א מנהג שוין אזא!
אונשולד ז'וויים — דאָס מיינען מיר,
אונבאַפלעקט — דאָס זיינען מיר!
הי־לו־לא, הי־לו־לא,
הי־לו, הי־לו, הי־לו־לא!

כאָר פון שעהנהייטען:

שעהן זיינען מיר,
שעהן זיינען מיר,
שעהנהייט — דער גרעסטער פארמעגען,
וואָס זוכט א מאן אויב ניט שעהנהייט אין פרוי?
שעהנהייט ערפרישט ווי דער הימעלשער טהוי,
שעהנהייט איז זון־שיין און רעגען...
בחור, קוק זיך צו צו אונז,
קלייב זיך איינע אויס פון אונז!
הי־לו־לא, הי־לו־לא,
הי־לו, הי־לו, הי־לו־לא!

כאָר פון מיוחסת'ס:

פון דעם אדעל זיינען מיר,

גרויסען יחוס האָבען מיר,
שעהנקייט איז ניט אלעס,
גוטע מדות, דאָס איז גרויס,
די משפחה פאַרשט נאָר אויס,
ווען איהר זוכט זיך כלות...

פון אַ שעהנעם פרי־בוים,
וואַקסען שעהנע פירות,
פון א יחוס׳דיגען דור
קומען שעהנע דורות.
ס׳איז א ברכה פאר דער וועלט,
מעהר ווי שעהנהייט, מעהר ווי געלד!

בחור, קוק זיך צו צו אונז,
קלייב זיך איינע אויס פון אונז!
הי־לו־לא, הי־לו־לא,
הי־לו, הי־לו, הי־לו־לא!

כאָר פון נגידות׳טעס:

שפייכלער פול מיט תבואה,
פעלדער, גערטנער פיעל,
זעק מיט גאָלד, מיין פאָטער
פאר מיר געבען וויל.

אַ געגוס פון לעבען

האָט מען ווען מ׳איז רייך.
גליק איז אין עשירות,
גליק, איצט שטעהט פאַר אייך!

בחור, קוק זיך צו צו אונז,
קלייב זיך איינע אויס פון אונז!
הי־לו־לאַ, הי־לו־לאַ,
הי־לו, הי־לו, הי־לו־לאַ!

כאָר פון אָרימע מיידלעך:

ניט קיין רייכטום, ניט קיין יחום,
און ניט שעהן אויך זיינען מיר,
רייכטום האָט א סך דער בורא,
אוצרות פיעלע אָהן א שיעור.

נעהמט אונז ווי מיר שטעהען דאָ,
נעהמט אונז אָהן אַ פּרוטה
און ס׳וועט גאָט אייך פאַר דערפאַר
געבען יאָהרען גוטע!

בחור, קוק זיך צו צו אונז,
קלייב זיך איינע אויס פון אונז!
הי־לו־לאַ, הי־לו־לאַ,
הי־לו, הי־לו, הי־לו־לאַ!

כאָר פון אַלע מיידלעך:

אין דעם יום טוב טאַנצען מיר, —
אין דעם יום טוב זינגען מיר,
הי־לו־לאַ, הי־לו־לאַ,
ס'איז אַ מנהג שוין אַזאַ!
בחור, קוק זיך צו צו אונז,
קלייב זיך איינע אויס פון אונז!
הי־לו־לאַ, הי־לו־לאַ,
הי־לו, הי־לו, הי־לו־לאַ!

דער אייביגער פּאָדים

אין פארבינדונג מיט דעם ציון מאנדאט און די אידישע היימלאנד ווערט דערצעהלט א שעהנע פאנטאסטישע געשיכטע. מען האט מורא געהאט אז איינע פון די קאטוילישע לענדער וועט שטימען „ניין" געגען דער אידישער היימלאנד. נאך אלע לאגישע שליסע האט דער פראטעסט מעגליך געקענט קומען פון שפאניען און מען האט גענומען זוכען מיטלען ווי אזוי צו פאר-מיידען דעם מעגליכען „ניין". מען האט זיך דערמאהנט אז ביים ליינען דעם ווינקעלשטיין פון העברעאישען אוניווערסיטעט האט א שפאנישער פראפעסאר ארייגעשיקט א באגריסונג. נחום סאקאלאוו איז באלד געשיקט געווארען נאך מאדריד. ער האט אויפגעזוכט יענעם פראפעסאר און די געפאהר איז פארמידען געווארען. פון דעם דאזיגען בעזוך האט מען אויך ערפאהרען אז א היבשער טהייל פון די געלעהרטע נאבעל לייט און הויכע רעגיערונגס בעאמטע זיינען די אייניקלעך פון די אמאליגע אנוסים.

מיכל אראנסאן האט גענומען די טהעמא, האט געלאזט לויפען זיין פאנטאזיע און דער רעזולטאט איז די וואונדערבארע פאעמע „דער אייביגער פאדים".

דער אייביגער פּאָרים

צו מיינע קינדער בינה און יהושע געווידמעט

1.

קומט אהער, איהר ליעבע קינדער,
הערט א וואונדערבאַרע מעשה
פון א פּרינץ וואס איז פער׳כשופ׳ט
אויף א שפּינדעל אייביג שפּינען.

אַלט געוואָרן ביי דער אַרבייט
איז דער פּרינץ וואס איז פער׳כשופ׳ט,
נאָר ער שפּינט און שפּינט כסדר,
שפּינט אָהן אויפהער טעג און יאָהרען.

קיינער ליעבט איהם ניט, דעם שפּינער,
און מען זוכט איהם צו פערטרייבען,
איהם בערויבען פון זיין כשוף
סיי דורך וואַסער, סיי דורך פייער.

ריעזיג גרויסע שייטער הויפענס
האָבען שיער איהם שוין פערשלונגען,
גרויסע כוואַליעס פון דעם וועלט־האַס
האָבען שיער איהם שוין דערטרונקען.

נאָר ער שפּינט און שפּינט זיין פאָדים,
שפּינט אָהן אויפהער טעג און יאָהרען,
ווען מען ברענט איהם און מען בראָט איהם
און מען טרייבט איהם ווי א שטיף-קינד.

נעהמט דער פרינץ זיין אלטען שפּינדעל,
זוכט זיך אויס א נייעם רוה-פּלאַץ
און ער זעצט זיך ווידער שפּינען,
פלייסיגער נאָך מעהר ווי פריהער.

קומען יאָהרען און פערגעהען,
בייטען צייטען זיך און מענשען
נאָר דער פרינץ וואָס איז פער'כשופ'ט
בלייבט אויף אייביג ניט פערענדערט.

טאָג און נאַכטביים אַלטען שפּינדעל
זיצט דער פרינץ און שפּינט געדולדיג,
שפּינט אין האָפענונג און מורא
ר'זאָל דעם פאָדים ניט צורייסען.

ווייסט איהר וואָס עס איז די מורא
טאָמער רייסט זיך אָפּ דער פאָדים?
ווייל אויף איהם הענגט אָפּ זיין לעבען,
רייסט זיך אָפּ — דאַן מוז ער שטאַרבען.

און דער אויסגעשפּינטער פּאָדים
וועבט זיך אין א וואונדער־לאנדשאפט,
ווי א צויבערער, א וועבער
וואָלט אַ קונסט־ווערק זיך געשאפען.

שטעהען אויף אין פראכט קאָלירען
גאנצע שטעדט און גרינע פעלדער,
שעהנע וויינגערטנער און סאָדען
און אויך שאָטען־רייכע וועלדער.

קוקט דער שפּינער אויף דער לאנדשאפט,
פיהלט זיין הארץ זיך אָן מיט שמחה
און די ליפען זיינע מורמלען:
„שפּין זיך, שפּין זיך לאנגער פּאָדים!"

ווען איהר זאָלט מיר וועלען פרעגען
איז עס אמת דיעזע מעשה
פון דעם פרינץ וואס איז פער׳כשופ׳ט
אייביג אויף אַ שפּינדעל שפּינען —

וועל איך ענטפערן און זאָגען:
אַלץ איז אמת, ליעבע קינדער,
אמת, אמת, ווי דער בורא
וועלכער האָט די וועלט בעשאפען.

קוקט זיך איין אין דיעזען שפינער,
זאָגט, צו קענט איהר ניט דעם אַלטען?
ס'איז דאָך אונזער פּרינץ ישראל
און דער פאָדים איז דאָך ציון.

אין זיין שווערען לאנגען גלות,
אין זיין וואָגלען און זיין וואַנד'רען
האָט דער איד געהאט איין שטרעבען —
קומען ווען עס איז נאָך ציון!

ווי אַן אוצר פון בריליאנטען
האָט ער דיעזען וואונש געטראָגען
אין זיין וואָגלען און זיין וואנד'רען
דורך פיעל לענדער און מדינות.

תּאָפנונג אויף א סוף צום גלות,
רוה פון צרות און פערפאָלגונג,
פרייהייט, און אַן אייגען ווינקעל —
אַלעם ליגט אין וואונש אויף ציון.

דורך די לאנגע גלות דורות
האָט ער דיזען וואונש געשפּונען
און דער שטאַרקסטער לעבענס-פאָדים
איז ער פאַר אַ פאָלק געוואָרן.

שפינט און שפינט דער איד דעם פאָדים,
האָפט ער זאָל זיך ניט צורייסען,
ווייל אַן איהם הענגט אָפּ זיין לעבען —
רייסט זיך אָפּ — דאן מוז ער שטאַרבען!....

2.

ווייסט איהר וואָס עס הייסט דער גלות,
צו א לאנד זיך צוגעוואָהנען,
האָב און גוטס דאָרט איבערלאָזען
און אנטלויפען מיט'ן לעבען?

ציהען וואקלענדע געשטאַלטען
איינגעבויגען פון דעם טרויער,
שלייכען שאטענס זיך מיט מורא
אין א וועג אַן אונבעשטימטען.

ווייסט איהר ווער די שאָטענס זיינען
דיעזע וואקלענדע געשטאַלטען?
אידען, קינדער פון ישראל
אויפ'ן וועג א היים זיך זוכען!

גירוש פראנקרייך, גירוש שפאַניען, —
נאָר גע'רודפ'ט און געטריבען,
און דער שווערער וועג פון גלות
אויסגעלייגט ז'מיט אונז'רע טויטע.

ווי פיעל הייליגע מארטירער
צעהלט דער איוב פון די פעלקער?
וויפיעל? גאָט נאָר וויים אין הימעל!
פרינץ ישראל צעהלט ניט מתים!

אָ, איהר שווארצע שרעקענס בילדער,
איינע שוואָרצער פאָר דער צווייטער,
ווי איהר זוכט זיך איבערשטייגען
אין דער גרויזאמקייט צו אידען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף די פליגלען פון פאַנטאַזיע
פליהט אַוועק מיט מיר נאָך שפּאַניען
ווען עס האָבען דאָרט געקעניגט
פערדינאַנד און איזאבעלא.

עפּעס קלינגען היינט די גלעקער
אין דער הויפּט שטאָדט פון קאַסטיליען,
און דער עולם געהט צום מאַרק־פּלאַץ
ווי עס וואָלט געווען א יום טוב.

אויסגעפּוצטע סענאָריטאַס
זיצען פרעהליך אויף באַלקאָנען,
ריידען, שפּאַסען און זיי קוקען
אויב עס געהט שוין די פּראָצעסיע.

זיי׳רע קינדער אין א קלויסטער
צוגענומען האָט די קירכע
און אין נאָמען פון ערלייזער
אָבגע׳שמד׳ט מיט קירכען־וואסער.

קלינגען גלעקער אין די קירכען,
ציהט זיך לאנגזאם די פראָצעסיע,
לויפט דער עולם ווי אויף וואונדער
קוקען ווי מ׳וועט ברענען אידען.

שטעהען שוין אין מארק די סלופעס,
ווארטען שוין די שייטער־הויפענס,
אָט צופלאקערט זיך דער פייער
ביי די פיס פון די אנוסים.

„זאגט, וואו זיינען נאָך מאראנאָס?״
פרעגט דער עלטסטער אינקוויזיטאָר,
נאָר עס שווייגען די געברענטע
אונטער שרעקליכע יסורים.

„מאכט דעם פייער שטארקער, גרעסער,
זאָלען ברענען די פעררעטער!״
הויבט דער פלאם זיך ביז׳ן הימעל
שוועבט דער טויט ארום דעם מארק פלאץ.

פון דער ווייטען לאָזט זיך הערען
דער געזאַנג פון קירכען תפלות,
„דע פראָפונדיס" און „טע דעאום"
פון מאָנאַכען הויך געזונגען.

אָנגעטהאָן אין שוואַרצע קיטלען
געהען גראָבע פראַנציסקאָנער,
טראָגען גאָלדענע צלמים,
געהען לאַנגזאם און זיי זינגען.

הינטער זיי געשמידט אין קייטען,
געהען נאָך א צעהנדליג אידען,
געהען צו דעם טויט פערזאורטהיילט
לעבעדיג פערברענט צו ווערן.

זייער זינד איז אונפערצייהליך —
פסח האָט מען זיי געפונען
אין א קעלער ביי דעם סדר,
טראָץ דעם גזר פון אינקוויזיציע.

פריהער האָט מען זיי געפייניגט,
אויסגעפרעגט ווי מאָרד פערברעכער
טאָמער וועלען זיי דערצעהלען
וואו עס זיינען נאָך אנוסים.

זינגען ווידער די מאָנאַכען,
קלינגען קירכען-גלעקער שטאַרקער,
און די אידישע מאַרטירער
שטאַרבען מיט דעם שמע ישראל...

— — — — — — — — — — — — — — —

וויינט ניט, וויינט ניט, ליעבע קינדער,
ס'איז א בילד פון אַלטע צייטען,
איצט וועט קיינער שוין ניט ברענען,
אידען אויף די שייטער-הויפענס.

טויט איז לאַנג די אינקוויזיציע,
נאָר ניט טויט איז נאָך דער וועלט-האַס,
צו די קינדער פון ישראל,
צו דעם אלטען גלות וואנד'רער.

ווילד צופלאַקערט נאָך דער צאָרן
געגען אידען אין די לענדער,
און דער איוב פון די פעלקער
ווערט אַלץ רייכער אין מאַרטירער...

נאָר געגוג, געגוג צו מאָהלען
יענע אלטע שרעקענס-בילדער,
זאָל מיין ליעד א פריידענס-סטרונע
מיט בעגייסטערונג בעריהרען.

זאָל מיין ליעד מיט פרייד בעזינגען
אונזער פרינץ וואָס איז פער׳כשופ׳ט,
ווי מקוים איז געוואָרען
איצט זיין טרוים צו האָבען ציון.

מעכטיג זיינען גאָטעס וואונדער,
הייליג, הייליג זיין פערשפרעכען,
צו דעם אלטען פאָלק ישראל
איז געגעבען זיין הבטחה, —

ברייגנען איהם צוריק פון גלות
אין זיין לאַנד פון מילך און האָניג,
און מקוים איז געוואָרען
דיעזער געטליכער פערשפרעכען.

ווייס דער בורא אז פערזינדיגט
איז די וועלט אנטקעגען אידען,
וויל ער אַז די זינד פון פעלקער
זאָל מיט וואָס פערגיטיגט ווערן.

טראַכט ער: זאָל מקוים ווערן
דורך די פעלקער מיין הבטחה
און זיין אלטע היימלאַנד ציון
זאָל דורך זיי ישראל קריגען.

3.

װען די אידישע ערלייזונג
קומען װעט דורך גאָטעס װילען
װעט דאַן זײן אַ װעלט־מלחמה,
יענע קריעג פון גוג ומגוג.

װעלען פעלקער געהן אויף בריקען
אויסגעבויט פון שטאָהל און אײזען,
װעט דאָס אײזען זיך צוברעכען
און די פעלקער װעלען פאַלען.

פון פאַפיר א בריק א הויכער
צוגעגרייט װעט זיין פאר אידען,
און דורך איהם אַריבערשפּרייזען
װעט ישראל גלייך צו ציון.

שטאָל און אײזען װעט זיך ברעכען,
דער פאַפּיר װעט שטארק זיך האלטען,
װאונדער שעהנע אַלעגאָריע
װעגען אונזער פאָלקס בעפרייאונג!

יאָ, מקוים איז געװאָרען
װאָרט אין װאָרט די אַלטע זאגע,
יענע קריעג פון גוג ומגוג,
יענער קאַמפּף מיט שטאָהל און אײזען...

טראַכען הילכיג די קאַנאָנען,
שפּייט דאָס אייזען אויס פערוויסטונג,
ווערן פעלקער אויסגעשלאַכטעט
אין דעם קאמפּף פון גוג ומגוג.

ליגט די וועלט אין טויטען-קרעמפּפען,
האַלט ביים גוסס'ן די מענשהייט,
זיינען שוין ערשעפּט די קרעפטען
די מלחמה אָנצופיהרען.

נאָר צו אַלעס קומט אַן ענדע,
איז דער סוף צום קריג געקומען,
מאַכטלאָז ליגט דער שטאָלצער שונא,
שטאַרק צוקריפּעלט איז דער זיעגער.

פון דעם שלאַכטפעלד פול מיט וואונדען,
הויבט זיך אויף דער פּרינץ ישראל
שפּינענדיג זיין לאנגען פאָדים,
וועבענדיג זיין ציון האָפנונג.

שמערצליך זיינען זיינע וואונדען,
נאָר איהם קימערט ניט דער וועהטאָג,
זיינע אויגען, פול ערוואַרטונג,
זיינען צו דער וועלט געריכטעט.

קומט דער שטאָלצער לייב בריטאַניען,
זאָגט צו זיינע קאַמפּף חברים:
„אין דער ביבעל שטעהט געשריבען
ציון איז דאָס לאַנד פון אידען.

„זאָל דאָס פאָלק דאָס אויסערוועהלטע
קריגען איצט זיין אַלטע היימלאַנד,
זאָל דעם אויבערשטען׳ס הבטחה
דאָ דורך אונז מקוים ווערן״.

האָבען פעלקער זיך פערזאמעלט
אין דער שעהנער שטאָדט זשענעווא
צו פערהאנדלען וועגען ציון
אַלס אַ היימלאַנד פאר דעם אידען.

הינטער צוגעמאכטע טיהרען
בויט זיך דאָרט דעם אידען׳ס צוקונפט,
בויט זיך דאָרט דורך אַלע פעלקער
דער פּאַפּיר׳נער בריק פאַר אידען.

אַ „פּאַפּיר׳ל״ פון נאַציאָנען, —
אַלעם וואָס עס איז נאָר נעטהיג
פאַר דעם איד זיין לאַנד צו קריגען,
פון דעם גלות זיך בעפרייען.

ביי די צוגעמאַכטע טיהרען
שטעהט און ווארט דער פרינץ ישראל,
ווארט מיט אונגעדולד דעם ענטפער
וואָס די פעלקער וועלען געבען.

יענער לאַנג געשפּינטער פּאַדים,
יענע האָפענונג אויף ציון
הענגט אַצינדער אויפ׳ן וואָגשאָל
הינטער די פערמאַכטע טיהרען.

זאָל איין-איינציג לאַנד נאָר זאָגען
„ניין!״ און אלעם איז געענדיגט,
פּלאַצט דער לאַנג געשפּינטער פּאַדים,
פּלאַצט די האָפענונג דעם אידענ׳ס.

מיט א קלאַפּענדיגען הארצען
שטעהט און ווארט דער פרינץ ישראל
און די ליפּען זיינע מורמלען:
„ניט צורייסט מיין לעבענס פּאַדים!״

קומט א פריינד אַרוים פון צימער,
אויף זיין פּנים הענגט אַ וואָלקען,
און ער פרעגט דעם פרינץ ישראל:
„האָסטו פריינד אין אַלטען שפּאַניען?

„אַלע פעלקער זיינען מסכים
ענדיגען דעם אידען׳ס גלות,
שפּאַניען׳ס שטעלונג אין דער פראַגע
איז פאַר אַלעמען פערבאָרגען.

„לויף צו דיינע פריינד אין שפּאַניען,
קלאַפּ אין טיהרען פון די גדולים,
בעט, קיין שטערונג זאָל ניט קומען
ווען מען וועט דיין כתב דיר געבען״.

„שפּאַניען, שפּאַניען!״ טראַכט ישראל,
„יענע לאַנד פון טויט און שרעקען
שפּילט דער שיקזאל א קאָמעדיע
מיט דעם אלטען גלות וואַנד׳רער?

„שפּאַניען, לאַנד פון אינקוויזיציע
לאַנד פון טרעהרען און יסורים,
שייטער־הויפענס און פערפאָלגונג —
קען מיין הילף דורך שפּאַניען קומען?

„ווען קלאַפּט מען אין די טיהרען?
וועמען רופט מען, וועמען בעט מען,
וועט א פריינד מיין קול דערהערען,
וועט אַ פריינד מיך וועלען העלפען?

„איך וועל לויפען, איך וועל בעטען,
קלאַפּען וואו איך וועל נאָר טרעפען,
זאָלען אונזערע מאַרטירער
אין מיין נויטהפאל איצט מירביישטעהן.

4.

פאַטער פעדרא דע קאַרדאָווא,
טהעאָלאָגישער פּראָפעסאָר
פון מאַדרידער סעמינאריום
זיצט פאַרטראַכט ביי זיך אין צימער,

נאָבעל איז זיין שעהנער פּנים,
קלוג און פריינדליך זיינע אויגען,
און א נאָז וואָס איז געבערגעלט —
פון דור דורות א ירושה...

אָנגעטאָהן אין שווארצער ראָסע
פון דעם פראנציסקאנער אָרדען,
זיצט פּראָפעסאָר דע קארדאווא,
לעזט פאַרטיעפט די לעצטע נייעס.

„אין דער שעהנער שטאָדט זשענעווא
האָבען פעלקער זיך פערזאמעלט
צו פערהאַנדלען וועגען ציון
אַלס א היימלאנד פאר דעם אידען".

ווי אַ בשורה פון דעם הימעל
קלינגט דעם פאָטער דיעזע נייעס.
„ענדליך קומט אויך זיין ערלייזונג" —
טראַכט פּראָפעסאָר דע קארדאווא.

ס׳האָט שוין לאנג די זון אין מערב
הינטער בערג זיך רויט בעהאלטען,
און די אבענד-גרויע שאָטענס
האָבען אָנגעפילט דעם צימער.

א פּאַרטיעפטער אין רעיונות
זיצט פּראָפעסאָר דע קארדאווא
און עס דאַכט זיך איהם, אין דרויסען
רופט איהם א בעקאַנטע שטימע.

„העלף דעם אלטען פאָלק ישראל
צו בעפרייען זיך פון גלות,
זאָלען שפּאַניען׳ס דעלעגאטען
מסכים זיין צום אידן׳ס היימלאנד!״

ווי דער קלאָגען אין דער איכה
דאַכט זיך איהם איז דיעזע שטימע,
ווי א וועה-געשריי פון טרויער
פון דור דורות אָנגעזאַמעלט.

טונקעל ווערט אין פאָטער׳ס צימער,
שוועבען אום געדיכט די שאָטענס,
שטעהען אויף גאַנץ אלטע בילדער
פאַר די אויגען פון פּראָפעסאָר.

ציהען טויזענדער נשמות
אין א וויינענדער פּראָצעסיע,
קלינגען גלעקער אין די קירכען
אלס בעגלייטונג צו דעם וויינען.

זינגט מען קירכליכע געזאַנגען,
„דע פראָפונדיס” און „טע דעאום”
הויבט זיך אויף גאַנץ הויך צום הימעל
רויך פון פיעלע שייטער־הויפענס.

וועמעס פּנים אין דעם פייער
זעהט פּראָפעסאָר דע קאָרדאָווא?
וועמעס האַנד פון צונגען פלאַמען
ווינקט צו איהם מיט שטילען טרויער?

איבער זיילען רויך און פייער
הויבט זיך אויף גאַנץ שטאָלץ אַ זקן,
זילבער ווייסע באָרד און פּאות —
ס׳איז ר׳ יעקב פון קאָרדאָווא!...

פּאַטער פּעדרא, דער פּראָפעסאָר
פון מאַדרידער סעמינאַריום,
פראַנציסקאַנער אָרדענס ברודער
זעהט דעם זקן און ער ציטערט.

„זיידע יעקב פון קאָרדאָווא” —
רופט ער אוים צום גייסט פון זקן
און עס דוכט זיך איהם אַ שטימע
רעדט צו איהם מיט דיעזע ווערטער:

„ווערסטו שווייגען אויף דעם אויפרוף
פון דעם אלטען פאָלק ישראל,
ווערסטו גאָר ניט טאָהן צו העלפען
די געוועז׳נע דיינע ברידער”.

„צו די אייניקלעך פון יענע
אומגעקומענע מארטירער
אין דער בייזער אינקוויזיציע,
לויף און קלאפּ אין זיי'רע טיהרען.

„דו דערמאָהן זיי, אז זיי שטאַמען
פון אברהם, יצחק, יעקב,
אַז די צייט איז איצט געקומען
עפּעס טאָהן פאר זיי'רע קינדער".

פּאָטער פּעדרא דע קארדאווא
זיצט אין שטוהל און רייבט די אויגען,
האָט ער אויפ'ן וואהר גע'חלומ'ט
וועגען עלטער-עלטער זיידען?

זיין בעשלוס איז אָבער פאַרטיג,
ער וועט געהן דעם וואונש ערפילען
פון ר' יעקב פון קארדאווא
און די אַנדערע מאַרטירער.

יענעם אבענד האָט דער פּאָטער
זיך געזעהן מיט אלע מענשען,
שטאַאַטס בעאַמטע, מיניסטאַרען,
קאַרדינאַלען און געלעהרטע.

אַלע קינדער פון אנוסים
פון דער צייט פון אינקוויזיציע,
יעצט גאנץ טרייע פרומע קריסטען
שפּאַניען'ס איינפלוסרייכסטע מענער.

ווען צו שטימען איז געקומען
ביי דער זיצונג פון זשענעווא
וועגען היימלאנד פאר דעם אידען,
פאר דעם סוף פון לאנגען גלות, —

האָט קיין האנד זיך ניט געהויבען
שטימען געגען אידענ׳ס האָפנונג
האָט קיין מויל געוואָגט צו זאָגען
„ניין!״ צום טרוים פון לאנגע דורות!...

דער רב פון קראסניק

די לעצטע וועלט-מלחמה האָט מעהר פאר אַלעמען געטראָפען דאָס אידישע פאָלק. פון איין זייט די געפאהרען פון מלחמה צו וועלכער אלע זיינען אונטערוואָרפען אָהן אונטערשיעד און פון דער צווייטער זייט די אייביגע שנאה צו אידען וועלכע האָט געפונען איהר אויסברוך אין דער מלחמה. דער צעטעל פון אידישע מארטירער איז גרעסער געוואָרען אין יענע שרעקליכע יאָהרען און דעם פארנעהמסטען פּלאַץ צווישען די קדושים וועט אָהן צווייפעל פארנעהמען דער רב פון קראסניק אָדער קרושניק (לובלינער גוב.). אלעס וואס מען האָט געוואוסט אין יענער צייט איז, אז די רוסען האָבען אויפגעהאנגען דעם רב פון יענער שטעדטעל. מיט זיין טויט האָט דער רב געראטעוועט צוויי הונדערט אידען וועלכע מען האָט ארעטירט פאר פארראטהען קרושניק צום שונא. דער רב האָט די גאנצע שולד גענומען אויף זיך און האָט בעצאָהלט מיט זיין לעבען אויף דער תליה.

מיכל אראנסאָנ'ס פּאָעמע דער „רב פון קראסניק" איז געווען געדרוקט אין אפריל, 1915, און איז בעגרינדעט געוואָרען אויף דער קורצער קייבעל דעפּעשע וועלכע האָט געמעלדעט וועגען דעם רב'ס טראגישען טויט. דער דיכטער האָט זיך דעם רב פּאָרגעשטעלט אלס א זקן און אזוי האָט ער איהם געשילדערט אין דער פּאָעמע.

דער רב פון קראסניק

איינלייטונג

אלטע זאגען און לעגענדען
שטעהען אויף אין מיין זכרון,
אלטע זאגען און לעגענדען
פון די אידישע מארטירער,
יענע העלע, שעהנע שטערען
וועמעס שיין עס האט בעלויכטען
אונזער שווארצען, טריבען הימעל
אין די פיעלע גלות לענדער.
יענע הייליגע מארטירער
וועלכע האבען זיך געאפפערט
פאר דעם גאנצען כלל ישראל,
אויפגעאפפערט זייער לעבען
אום צו רעטען זיי'רע ברידער, —
פריעד צו אייך, צו איי'רע בייגער
העלדען גרויסע, נשמות ריינע!...

פול מיט שרעקען און געפאהרען
איז דעם אידען׳ס גלות לעבען,
איין יאהרהונדערט נאָך דעם צווייטען
אין פערגאנגענהייט פערשווינדען,
ס׳בייטען צייטען זיך און מענשען
נאָר עס בלייבען ניט געענדערט
אונז׳רע אלטע, אלטע צרות,
אונזער לעבען פול מיט שרעקען.
נייע צייטען, נייע ליידען, —
און דער צעטעל פון מאַרטירער
וואַקסט פון טאָג און וואַקסט אָהן אויפהער
אויף דעם שווארצען, טריבען הימעל
פון די פיעלע גלות לענדער
קומען צו גאַנץ נייע שטערען...

אַלטע זאגען און לעגענדען
שטעהען אויף אין מיין זכרון,
אַלטע זאגען און לעגענדען
פון די אידישע מאַרטירער.
כ׳זעה זיי יעצט אין מיין פאַנטאַזיע
ווי זיי שיינען און זיי לייכטען
און פערטונקלען זון און שטערען...
און עס טרעטען אָפּ מיט עהרפורכט
זיי דעם וועג די גאָלד׳נע כרובים,
גרויסע העלדען, נשמות ריינע
שטעלט זיך אוים און מאכט א ווארע,
נעהמט, עמפפאנגט אין אייער מיטע
נאָך אַ העלד, און א מאַרטירער, —
נעהמט עמפפאנגט דעם רב פון קראסניק.

1.

אין דעם אלטען בית המדרש,
אין דער גרויסער שוהל פון קראסניק
שטעהען אידען ווי אבלים
אַנגעפילט מיט טיעפען טרויער.
ביי זיין סטענדער אין א ווינקעל
שטעהט דער אַלטער רב פון קראסניק,
איבער'ן קאָפּ דער גרויסער טלית
מיט דער זילבערנער עטרה...
ציהען זיך צו איהם די בליקען
פון דער גאנצער עדה אידען,
קלאפען האסטיג זיי'רע הערצער
פול מיט אַנגסט און פול מיט שרעקען,
שרעקען וואָס די צייט קען ברענגען
אין דעם אויסברוך פון מלחמה.

ס'הערשט דער פיבער פון מלחמה,
און ער וואַרפט זיין שוואַרצען אומעט
אויף דער גרויסער, ברייטער רוסלאנד,
אויף די סטעפּעס און די טונדראס,
אויף די שטעדט און קליינע שטעדטלעך
פון אוקריינא, פוילען, ליטע,
פון דער וואָלגא ביז דעם דניעסטער
פון סיביר, ביז טראנסקאווקאזיע
ס'הענגען שרייענדע פלאקאטען
מיט דעם אָנזאָג פון מלחמה
און אן אויפרוף אין דעם נאָמען
פון דעם צאַר פון אלע רוסען
העלדיש קעמפפען געגען שונא
און דאָס לאנד פון פיינד בעשיצען.

ס׳הערשט דער פיבער פון מלחמה
און עס זינקען די געמיטהער
פון מיליאָנען זעלנער־מוטערס,
פון מיליאָנען יונגע פרויען.
זיי׳רע זיהן און זיי׳רע מענער
דאַרפען אבגעהן אין מלחמה
געהן זיך שלאָגען מיט׳ן שונא
צאַר און רוסלאנד צו בעשיצען.
ס׳קלאָגען עלטערן אויף קינדער,
ס׳קלאָגען פרויען אויף די מענער
און עס פליסען טייכען טרעהרען
ביי דער שיידונג מיט די זעלנער, —
ווייס דער אויבערשטער צי זעהן נאָך
וועלען זיי די הארציג ליעבע.

טיעפער טרויער הערשט ביי אידען
אין דער אַלטער שטעדטעל קראסניק,
טיעפער טרויער הערשט אין שטיבעל
פון דעם אַלטען רב פון שטעדטעל.
אויסגעלאָשען איז דער פייער
אין די קלוגע שוואַרצע אויגען
און זיין אַלטע הארץ צובראָכען
ווערט פון צרות און פון וועהטאָג.
ר׳זעהט ווי בייזע, שוואַרצע וואָלקענס
דעקען צו דעם אידען׳ס הימעל,
ר׳פיהלט די שרעקליכע טראַגעדיע
פון דעם אידענ׳ס גלות לעבען
און ער איז צו גאָט מתפלל
און ער בעט איהם מיט תעניתים.

זיצט דער רב ביי זיין גמרא,
קוקט אריין אין הייליגע ספרים
און עס בליקען שטאר די אויגען
אויף די שורות און די אותיות.
ניין, ער קען אצינד ניט לערנען,
ס'דיענען איהם ניט די געדאנקען,
גאר מיט אנדערע מחשבות
איז אצינד זיין קאפ פערנומען.
אין זיין דמיון זעהט ער בילדער
פון דער שרעקליכער מלחמה,
ר'הערט דעם קראכען פון קאנאנען,
ר'הערט דעם קרעכצען פון פערוואונד'טע,
ר'זעהט די הויכע בערג מיט טויטע
און עס ציטערט אויף זיין קערפער!

„שרעקליך! שרעקליך!" ברומט דער זקן
און עס ברעכט זיין הארץ פון טרויער,
„מענשען רויבען מענשען-לעבענס,
ווי די ווילדע בייזע חיות
יונגע לעבענס אויסגעלאשען
ווערען טעגליך פון די קוילען,
און די קערפער ניט בעערדיגט
בלייבען ליגען אויפ'ן שלאכטפעלד...
שרעקליך, שרעקליך! איד מיט אידען
קעמפפען איצט אזוי ווי שונאים,
ברודער טויטעט איצט זיין ברודער
אין דעם פלאקער פון מלחמה.
אך, צו שטארק האט אונז געטראפען,
גאט'ס גערעכטער, גרימער צארן!"

2.

דורך דער אלטער שטעדטעל קראסניק
געהען פּאָלקען אָהן אן אויפהער,
געהען רוסישע סאָלדאטען
צו בעגעגענען דעם שונא.
ס'איז אונמעגליך איבערצעהלען
דיעזע רוסישע חילות,
ווי די שטערען אין דעם הימעל,
ווי די זאמד פון ים דעם גרויסען...
ס'קלאפּען פּויקען, ס'קלינגען שפּאָרען,
ס'הילכט די לופט, עס וויגט די ערד זיך,
פון די שווערע טריט פון רייטער,
פון דער משא פון קאנאָנען...
ס'הילכט די לופט, נאָר מענשען שווייגען,
ס'קרעכצט די ערד, נאָר ס'שטומען מיילער!...

ווייסען זיי וואוהין זיי געהען
דיעזע רוסישע חילות?
קענען זיי דעם בייזען שונא,
ווייסען זיי זאָגאר זיין נאָמען?
ניט זיי פרעגען, ניט זיי ווייסען —
ס'הייסען געהן די אָפיצירען
און זיי געהען אָהן שום פראַגען,
געהען גלייך אין פלאַם און פייער,

געהען צוועקלאָז ווי בהמות,
פּאַלען ווי צודריקטע פליגען,
פילען אָן מיט זיך די גראָבענס
און אויף בערג מיט טויטע קערפּער
געהען נייע, פרישע פּאָלקען!
געגען רוסלאנד'ס גרויסען חיל

שיקט אויך עסטרייך איהרע קריעגער;
דייטשלאנד'ס ריעזיגע ארמעען
דרינגען אויך אריין אין פוילען.
שטעדט און שטעדטלעך ווערן חרוב
סיי פון פריינד און סיי פון שונא
און דאָס וואנדער-פּאָלק, די אידען,
פון דער בייזער קריעג געטריבען,
לויפען וואו די אויגען טראָגען,
לויפען זוכען שוטץ און רעטונג
פון דעם שווערד און פון די קוילען,
זוכען רעטונג פון די שכנים
די פּאָליאקען וואס פערפּאָלגען
זיי מיט העסליכע מסירות!
זייער היים צושטערט, פערניכטעט,

זייער האָב צורויבט, צופּלינדערט,
זיי'רע קינדער אין מלחמה
קעמפּפענדיג ווי פּאטריאָטען,
נאָכגעפּאָגט פון בייזען שיקזאל
לויפען אידען פון די שטעדטלעך,
אַלטע מענער, אַלטע פרויען,
שוואַכע קינדער, בלאָס און הונג'ריג
מיט צואוועהטאָגטע געפיהלען

געהען וואו די אויגען טראָגען,
נאָר קיין היים, און קיין מנוחה
איז ניטאָ פאר דיזע וואַנד׳רער —
וואו עס קומען נאָר די מיעדע
טרייבט זיי ווייטער די מלחמה!
ווי פון שטורם ווינד צובלאָזען

פלאַקערט יעצט די קריעג אין פוילען;
ס׳ברענט די שלאכט ביי הונדערט פונקטען
און מען שלאָגט זיך אויך ביי קראסניק.
ס׳הערט זיך דער קאַנאָנען-דונער
טאָג און נאַכט אין דיזער שטעדטעל,
נייע פאָלקען, באטאליאָנען,
געהען טעגליך געגען שונא
און מען ברייננגט צוריק אין שטעדטעל
מאַסען טויטע און פערוואונדעטע...
אין דעם אלטען בית המדרש,
אין דער גרויסער שוהל פון קראסניק
שטעהען אידען ווי אבלים,
זאָגען תהלים און זיי פאַסטען...
טויט שרעק הערשט אין יעדענס הארצען,

ס׳דרעהט זיך איין געדאנק ביי יעדען:
„וועלען היינט די רוסען זיעגען?
וועלען רוסען היינט פערליערען?
וועלען זיי פון זיעג פער׳שיכור׳ט
שלאָגען אידען, רויבען הייזער,
וועלען זיי אין נידערלאגע
ווייטער אויסגיסען דעם צאָרן
אויף די שוואַכע, קליינע קינדער,

אויף די פרויען און די מיידלעך,
מאָרדען אלטע, שוואכע מענער,
רויבען אידישען פערמעגען
און אויך זאָגען אז פעררעטער
זיינען די פערפלוכטע זשידעס?

ס'הערשט א שטארקע שלאכט ביי קראסניק,
און צושלאָגען פון דעם שונא
לויפען רוסען פון דעם שלאכטפעלד,
לויפען ווי די ווילדע האָזען.
און דאָס שטעדטעל ווערט פערנומען
פון דעם שונא, און עס ציטערט
יעדער איד איצט פאר זיין לעבען,
יעדער האָט נאָר איין מחשבה, —
ווי וועט טאָהן דער שטארקער שונא,
וועלען עסטרייכער ווי רוסען
שענדען פרויען, טויטען זקנים,
וועט ער מאכען אויך פאָגראָמען
אויף די אידען פון דער שטעדטעל,
וועט ער לאָזען זיי כאָטש לעבען?

. . . .

נאָר דער שונא איז ניט שרעקליך.
ניט ער הענגט און שלאָגט די אידען,
ניט ער רויבט און מאכט פאָגראָמען.
פרייער, פרייער אויפגעאָטהעמט
האָבען אידען אין דער שטעדטעל,
נאָר די שכנים, די פאָליאקען
זיינען אָנגעפילט מיט צאָרן. —
ס'גילטען ניט די העצרייען

און די גיפטיגע מסירות
און מיט פאלשקייט אויף די ליפען
ווארטען זיי זיך אָבצורעכ׳נען
מיט די גאָט פערדאמטע זשידעס.
האָפען, אז פון שטעדטעל קראסניק
וועט דער רום דעם פיינד פארטרייבען.

3.

אָבגעטראָגען איז דער שונא
פון דער אלטער שטעדטעל קראסניק,
און מיט יובעל און געזאנגען
קומען אָן צוריק די רוסען.
ס׳פליהט א פוילישע מסירה
אויף די אידען פון דער שטעדטעל
אז זיי האבען צו דעם שונא
זייער לאנד און צאָר פאררעטהען...
ס׳ווירקט די פוילישע מסירה
אויף די רוסען ווי א כישוף.
„כ׳קען זיי גוט, אָט דיעזע זשידעס״
ברומט דער רוסישער פּאָלקאָווניק
און פערשפארען אין דער תפיסה
הייסט ער באַלד צוויי הונדערט אידען...

4.

אין דעם אלטען בית המדרש,
אין דער גרויסער שוהל פון קראסניק
שטעהען אידען ווי אבלים,
בעטען גאָט אין טיעפען טרויער.

אויסגעגאָסען האָט זיין צאָרען
אויף די אידען פון דער שטעדטעל
גאָט דער גוטער און גערעכטער,
גאָט פון ראַכע און רחמנות!
שרעקליך האָט דעם בורא׳ס צאָרען
איצט געטראָפען אלע אידען;
שלוכצענד זאָגען זיי די תפילות
און זיי בעטען גאָט מיט טרעהרען
פאַר די אידישע קרבנות
וואָס מען דאַרף זיי מאָרגען הענגען!

מאָרגען וועט די שווארצע תליה
און דער הענקער זיין בעשעפטיגט;
מאָרגען וועלען רוסען הענגען
יענע אידישע קרבנות
פאר פאררעטה צום טויט פאראורטהיילט
דורך דער פוילישער מסירה
און דער צעטעל פון אלמנות
וועט פון מאָרגען רייכער ווערען
מיט צוויי הונדערט נייע נעמען,
און עס וועלען איבערבלייבען
אָהן א פריינד און אָהן א גואל
פיעלע אידישע יתומים.
האָט ניט גאָט זיין גרימען צאָרן
אויסגעגאָסן אויף דער שטעדטעל?...

ס׳טראָגען זיך צום בית המדרש
פיעל פערצווייפעלטע געשרייען,
ווי פון ווייבערשע יללות
און פון קינדערשע געוויינען.

אך, דאָס זיינען יענע פרויען
וועמעס מענער וועלען הענגען
מאָרגען אויף דער שוואַרצער תליה
ווי פערדרעטהער און שפּיאָנען;
אך, דאָס זיינען יענע קינדער
וועלכע וועלען דורך דעם תליון
בלייבען עלענדע יתומים
אָהן א פריינד און אָהן א גואל, —
צו דעם אלטען בית המדרש
געהען זיי אצינד און וויינען...

אין דעם אלטען בית המדרש
פאַלען זיי אריין מיט קולות,
רייסען אויף דעם אָרון קודש
און זיי שרייען צו דעם הימעל:
„גאָט, דו שיצער פון יתומים
און פון עלענדע אלמנות
רעטע פון דער בייזער תליה
אונז'רע מענער, אונז'רע טאַטעס!
ס'שרייען פרויען, ס'וויינען מענער
און עס יאָמערען די קינדער,
הערצער ברעכען פון דעם טרויער,
פון דעם אידענ'ס גרויסען אונגליק.
און איין וועה געשריי צום הימעל
הערט זיך באלד פון בית המדרש!

ביי זיין שטענדער אין א ווינקעל
שטעהט דער אלטער רב פון קראסניק
און דער טרויער אויסגעגאָסען
איז אויף זיין צוקנייטשטען פנים.

זיינע אויגען זיינען טרוקענע,
ניין, ער האָט שוין ניט קיין טרערן,
נאָר עס שניידען ווי מיט מעסער
די פערצווייפעלטע געשרייען
זיין ציוועהטאָגט הארץ. עס שווינדעלט
איהם דער קאָפּ און ס׳לאָזט זיך הערען
דורך די קולות און דעם יאָמער
באלד אן אויסגעשריי פערצווייפעלט:
„אך, דער רבי האָט גע׳חלש׳ט!״

5.

איינגעשלאָפען איז די שטעדטעל
מיעד פון קלאָגען און פון וויינען
נאָר גאנץ ליכטיג איז אין שטיבעל
פון דעם אלטען רב פון קראסניק.
אָנגעטאָהן אין גרויסען טלית
מיט דער זילבערנער עטרה
שטעהט דער זקן ניט בעוועגענד
מיט קיין אבר פון זיין קערפער.
שווארצע, פינסטערע געדאנקען
שוועבען דורך ביי איהם אין מוח
עפּעס דריקט איהם א מחשבה
ווי א גרויסע שווערע משא,
און בעלויכטען ווערט זיין פּנים
פלוצלונג מיט א געטליך פייער.

„כ׳דאנק דיר גרויסער גאָט אין הימעל״
רופט דער זקן אויס מיט שמחה,
„כ׳דאנק דיר פאר דעם גרויסען חסד
וואָס דו צייגסט צו דיינע קינדער,

דיין פערוואָגעלט פאָלק ישראל,
אין זיין שווערן גלות לעבען.
האָסט א זעלטענע מחשבה
מיר געגעבען אין מיין מוח,
האָסט דעם וועג מיר אָנגעוויזען
ווי צו ראַטען מיינע ברידער!
הייליג איז פאר מיר דיין ווילען,
גאָט פון יושר און רחמנות,
איך, דיין קנעכט, וועל זיין א קרבן
פאר דעם גאנצען כלל ישראל!"

אָנגעטאָהן אין בעסטען מלבוש
געהט זיך טובל זיין דער זקן
אום ערשיינען פאר זיין בורא
ריין אין קערפער ווי אין זעעלע.
אָנגעטאָהן אין בעסטען מלבוש
קומט דער אַלטער רב פון קראסניק
צו דעם רוסישען פאָלקאָווניק
און ער זאָגט צו איהם די ווערטער:
„גרויסער הערר, דו זוכסט דאָך יושר,
זוכסט בעשטראָפען דעם פערברעכער
וועלכער האָט זיין לאנד פערראטהען
זיי זשע וויסען אז ניט שולדיג
זיינען יענע וועמעס לעבען
דאַרף די תליה היינט פערניכטען.

„ניין, זיי זיינען גאָר ניט שולדיג,
ס'איז ניט אמת די מסירה
איך, נאָר איך האָב אלע סודות
אָבגעטראָגען צו דעם שונא;

איך, נאָר איך האָב גאָט געבעטען
גרויסע, שרעקליכע מפלות
אויף די רוסישע ארמעען,
גאָט געבעטען אז בעשטראָפען
זאָל ער אייך פאר די רציחות
געגען מיינע אר׳מע ברידער.
כ׳האָב געפרעהט זיך ווען אין קראסניק
איז דער שונא אָנגעקומען,
כ׳האָב געטרויערט ווען זיי זיינען
פון דער שטעדטעל אָבגעטראָטען.

„כ׳האָב שוין אָבגעלעבט מיין וועלטעל,
כ׳האָב געליטען נויטה און ארמוטה,
ניט געזעהן קיין שטראהל פון פריידען
ניט ביי זיך און ניט ביי אנד׳רע.
הענג מיך, קיינער וועט ניט קומען
קלאָגען אויף מיין פרישען קבר.
לאָז זיי פריי די אלע אידען,
הענג דעם ריכטיגען פערברעכער!״
און דער רוסישער פּאָלקאָווניק
ברומט זיך אונטער אין דער וואָנצע:
„כ׳וויים גאנץ גוט דו זאָגסט א ליגען
נאָר בריליאנט איז דיין אידעע,
כ׳וועל די זשידעס באלד בעפרייען
און דער נאָך דיין וואונש ערפילען.״

— — — — — — — — — — — — — — —

ס׳קלאָפּען פויקען, ס׳קלינגען גלעקער,
און עס רודערט זיך אין שטעדטעל,
ס׳געהט דער עולם צו דעם מארק פלאטץ

וואו עס שטעהט א הויכע תליה.
ס׳שטעהען אויסגעשטעלט סאָלדאטען
מיט די שארפע בלאנקע פיקעס,
קוקען עפּעס ווי מיט מורא
אויף דער תליה וואס ערוואַרטעט
ווי מיט אונגעדולד איהר אָפּפער.
אַלע ווײלע וואַרפט מען בליקען
אין דער ריכטונג פון דער תפיסה
זעהן צי ס׳געהט דער רב פון קראסניק
אין בעגלייטונג פון סאָלדאטען.

אין א ווינקעל פון דעם מארק פלאטץ
שטעהען אידען און זיי וויינען,
שטעהען ווייבער און זיי שלוכצען
ווי יום כפור ביי די תחינות.
ניט מיט זייער אייג׳נעם ווילען
זיינען זיי אהער געקומען,
שרעקליך איז פאר זיי דער אָנבליק
פון דער הויכער, שוואַרצער תליה.
ס׳האָט דער רשע, דער פּאָלקאָווניק
אָנגעשיקט אויף זיי סאָלדאטן
און געצוואונגען, זיי צו קרענקען,
צוצוקוקען ווי דער תליון
וועט מיט גרוים פאראד איצט הענגען
זייער אלטען רב פון שטעדטעל.

ס׳קלאפּען פויקען, ס׳קלינגען גלעקער,
און דער עולם וואַרפט די בליקען
אין דער ריכטונג פון דער תפיסה,
און זיי זעהען ווי עס געהען

שטאַרק בעוואפּענטע סאָלדאַטען
און דער אַלטער רב פון שטעדטעל,
אָנגעטאָהן אין בעסטען מלבוש
געהט ער איצט מיט פעסטע שפּאַנען
צו דעם מאַרק-פּלאַטץ וואו עס שטעהען
זיינע ברידער וועמעס לעבען
דיעזער צדיק האָט גערעטעט
פון דער שוואַרצער, בייזער תליה,
און עס שטראַהלט מיט גרויסער שמחה
זיין צוקנייטשטער אַלטער פּנים.

עפּעס מורמלען זיינע ליפּען
ביי דער שוואַרצער, בייזער תליה,
אַך, עס איז זיין לעצטע תפילה,
ס'זאָגט דער רב אַצינד זיין וידוי:
„פאַרטיג", זאָגט ער צו דעם תליון,
„טהו דיין פפליכט און טהו זי עהרליך!"
און עס הערען זיך יללות
פון די שווער בעטריבטע אידען...
פויקען קלאַפּען אויפ'ן מאַרק פּלאַטץ
און פערטויבען דיעזע קולות
נאָר עס הערט זיך אין דעם טומעל
באַלד אַ קול גאַנץ הויך און שניידענד
„שמע ישראל!" און אַ קערפּער
זעהט זיך אויף דער שוואַרצער תליה...

— — — — — — — — — — — — — — — —

* * *

אַלטע זאָגען און לעגענדען
שטעהען אויף אין מיין זכרון,
אַלטע זאָגען און לעגענדען
פון די אידישע מאַרטירער
כ'זעה זיי יעצט אין מיין פאַנטאַזיע
ווי זיי שיינען און זיי לייכטען
און פערטונקלען זון און שטערען.
און עס טרעטען אַפּ מיט עהרפורכט
זיי דעם וועג די גאָלדענע כרובים
און עס בוקען זיך די שרפים
גרויסע העלדען, נשמות ריינע,
שטעלט זיך אוים און מאכט א וואַהרע,
נעהמט עמפפאנגט אין אייער מיטע
נאָך א העלד און א מאַרטירער
נעהמט, עמפפאנגט דעם רב פון קראסניק!

מצרים און מדבר

יעדע באַלאַדע און פּאָעמע אין דער אָבטהיילונג „מצרים און מדבר“ איז א גאנצע זאך פאר זיך אליין, אָבער אין דער ווירקליכקייט, לויט דעם דיכטער׳ס פּלאַן זיינען זיי בלויז פראַג־מענטען פון א גרויסער פּאָעמע „יציאת מצרים“, וועלכע ער האָפט נאָך צו פארענדיגען. די מעהרסטע פון די באַלאַדען זיינען בעגרינדעט אויפ׳ן מדרש און אגדה.

אויפ׳ן נילוס

1.

שטיל און רוהיג פליסט דער אלטער נילוס,
שפיגעל גלאט זיין וואסער שטראָמט צום ים, —
וואָס איז מיט דעם אלטען טײַך געוואָרען?
האָט דער שטראָם פארלוירען היינט זיין קראַפט?

שטורמיג פלעגט דער נילוס שטענדיג פליסען,
וועל נאָך וועל פלעגט יאָגען זיך צום ים.
וואָס איז היינט זיין וואסער שפיגעל גלאטיג?
וואָס איז היינט געוואָרען מיט׳ן טײַך?

שווייגט דער נילוס, וויל דער סוד ניט זאָגען,
שווייגט דער ווינטעל און ער קיהלט די לופט.
שווייגט דאָס מיידעלע, וואָס שטעהט באהאַלטען
הינטער בוימלעך, ביי דעם ברעג פון טײַך.

שטעהט דאָס מיידעל ביי דעם ברעג פון נילוס,
שטעהט יוכבד׳ס טאָכטער אויף דער וואך.
איהרע בליקען אויפ׳ן שטראָם געריכטעט,
אין ערוואַרטונג, וואָס עס וועט געשעהן.

אויף דעם שפיגעל גלאטען נילוס-וואַסער
שווימט אַ קעסטעל נאָהענט צו דעם ברעג,
צו דעם קעסטעל און דעם בייזען נילוס
האָט אַ מוטער אָנפארטרויט איהר קינד.

פיהלט דער נילוס יעצט זיין גרויס אחריות,
האַלט ער איין די שנעלקייט פון זיין שטראָם,
שווימט זיך רוהיג אויפ׳ן טייך דאָס קעסטעל,
שווימט דער שיקזאל פון א שקלאַפען-פאָלק!

2.

צו דעם גרויסען, ברייטען נילוס,
צו דעם קעניג פון די טייכען
געהט זיך באָדען פרעה׳ס טאָכטער,
געהט זיך באָדען די פרינצעסין.

שעהנע, יונגע קאמערמיידלעך,
דינסטען, גרייט איהר צו באדינען,
רעש׳יג געהען צו דעם נילוס
און באַגלייטען די פרינצעסין.

לייכטע טריט און לייכטע הערצער, —
ניט קיין זאָרג און ניט קיין קומער
דריקט די שעהנע קאמערמיידלעך,
פרעמד איז זאָרג פאר פרעה׳ס טאָכטער!

פלינק ענטבלויזען זיך די קערפער,
ביי דעם ברעג פון אלטען נילוס
און מיט לייכטקייט פון גאזעלען,
שפרינגען זיי אריין אין וואסער.

אויף דעם שפיגעל גלאטען וואסער
שווימט אַ קעסטעל, קוים באַוועגליך,
זעהט דאָס קעסטעל פרעה׳ס טאָכטער,
זאָגט איהר הארץ, עס איז אַן אוצר.

ס׳שטרעקען אוים זיך הענט צום קעסטעל
און ס׳דערזעהט באלד די פּרינצעסין,
ווי אין קעסטעל ליגט געמיטליך,
ליגט א קינד, א אידיש אינגעל.

ווי א מלאכ׳ל א קליינער,
איינגעטונקט אין ליכט פון שכינה,
געטליך שיינט זיין לויטער פּנים,
בלענדט דאָס ליכט אַ־יעדען׳ס בליקען.

„כ׳נעהם דאָס קינד צו זיך אין פּאַלאַץ״,
זאָגט ענטשלאָסען פּרעה׳ס טאָכטער.
„נאָמענלאָזער אידיש אינגעל,
וועסט פון היינט זיך רופען משה״!

* * *

און באַפרייט פון זיין אחריות,
נעהמט דער נילוס ווייטער ברוייזען,
ס׳יאָגען זיך צום ים די וועלען,
ראשיג שטראָמט זיין ברייטער וואַסער...

די פראָבע

פרייד און קינדערשער געלעכטער
הערשט אַצינד אין פרעה׳ס פּאַלאַץ,
ס׳איז א פרינץ דאָרט צוגעקומען,
ס׳איז א פרינץ געשיקט פון הימעל,
שעהן געראָטען, ווי א מלאך,
לאכט דאָס קינד, און ס׳דוכט זיך כרובים
זינגען אין א כאָר א שירה,
עפּעס פילט זיך אָן דער צימער
מיט א ליכטיגקייט, א העלער,
ווען דאָס קינד באווייזט זיין פּנים
און עס אָטעמט פרישער לעבען
און מיט פרייד דער אלטער פּאַלאַץ.
האַלזט און קושט דאָס קינד גאַנץ ליבליך
יעדע ווײַלע פרעה׳ס טאָכטער,
און אויך פרעה, שטארקער הערשער
פון דאָס גאנצע לאנד מצרים,
טראָגט דאָס קינד אין זיינע אָרימס,
ווי עס וואָלט געווען א מיטגליד
פון זיין אייגענער משפּחה.

ווייס דער הערשער פון מצרים
וועמען ר׳טראָגט אין זיינע אָרימס?
זיכער, זיכער ווייס עס פרעה,

ס'איז א אידיש קינד פון גושן.
אין דער גזירה אויף די זכרים
האָט זיין מוטער צו דעם נילוס
איהם פּאַרטרויט, און פּרעה'ס טאָכטער
האָט דערזעהן א קעסטעל שווימען
און א קינד, א נייע-געבאָרען
אין דעם קעסטעל דאָרט געפונען.
„משה וועט דאָס קינד זיך רופען,"
האָט געזאָגט דאָן פּרעה'ס טאָכטער,
„משה — ווייל איך האָב פון נילוס
איהם אליין ארויסגעצויגען."

אין דעם קעניגליכען פּאַלאַץ
לעבט דאָס אידיש קינד פון גושן,
עפּעס שלאָגט מיט נייעם לעבען
און מיט פרייד אין יעדען ווינקעל,
און א ליכטיגקייט צוגיסט זיך
וואו דאָס קינד באוויזט זיין פּנים.
ס'האלזט און קושט איהם די פּרינצעסין
און דער שטאָלצער, גרויסער פּרעה
טראָגט איהם אויך אין זיינע אָרימס,
און ער קושט דאָס קינד פון גושן.

אויף זיין שטול פון ריינעם גינגאָלד,
אָנגעטאָן אין בגדי מלכות,
זיצט דער הערשער פון מצרים.
רונד ארום דעם טראָן פון פּרעה,
ווי די בייזע, שוואַרצע גייסטער,

שטעהען אויסגעשטעלט די פּריסטער,
פּרעה׳ס יועצים געלעהרטע,
די חרטומים פון מצרים.
אויף דער שטול פון ריינעם גינגאָלד
זיצט איצט פּרעה פון מצרים
און דאָס אידיש קינד פון גושן,
ער, וואָס טראָגט דעם נאָמען משה,
שפּילט זיך אין דעם קעניג׳ס אָרימס.

בלאַנקט דעם הערשער׳ס קרוין פון גינגאָלד
און פון טייערע בריליאַנטען,
ציהען זיך דעם אינגעל׳ס הענטלעך
צו דער קרוין, די קרוין פון פּרעה,
און ער נעהמט די קרוין אַרונטער,
טוט עס אָן אויף זיך און שמייכעלט.
שמייכעלט אויך מצרים׳ס הערשער,
קוועלט פון שמחה די פּרינצעסין,
פרעהט זיך מיט איהר משה׳ס חכמה.
שטעהען ברוגז די חרטומים
מיט געזיכטער שטאַרק פאַרוואָלקענט,
און מיט שלאַנגען-גיפט א וואָרנונג
שיפּען זיי אַרויס צו פּרעה.
„הערשער, ס׳איז א שלעכטער סימן,
אין די הימעלשע מזלות
לערנען מיר דערפון די מיינונג.
און דעם הימעל׳ס שטערען זאָגען
אַז דאָס קינד, וואָס קומט פון גושן,
וועט אַמאָל אַרונטערזעצען

פון זיין טראָן דעם שטאָלצען פּרעה,
און זיין פאָלק, מצרים׳ס שקלאפען,
וועט ער פון דיין יאָך באפרייען.
ס׳איז א דייטליכע פארשווערונג
געגען פּרעה און זיין הערשאפט.
זאָגען ניט מצרים׳ס דינים
ווי צו האנדלען אין פארשווערונג
געגען טראָן און קרוין פון פּרעה?
טויט ז׳די שטראָף, און היים באלד טויטען
משה׳ן פאר זיין גרוים פאַרברעכען.״

ס׳קען א קלאפער־שלאַנג ניט בייסען
גיפטיגער ווי די חרטומים
האָבען איצט געביסען פּרעה.
גרויסער שרעק פילט אָן דעם הערשער
און ער ז׳גרייט דעם וואונש ערפילען
פון די מעכטיגע חרטומים.

און דער יונגער פּריסטער, יתרו,
שטעהט באלד אויף אלס מליץ־יושר
פאר דאָס אידיש קינד פון גושן,
אלס פארטיידיגער פון משה׳ן.

„ניט פאר מיר צו געהן אנטקעגען
דיינע מעכטיגע חרטומים,
ניט פאר מיר דעם סוד צו צווייפלען,
וואָס אנטפלעקען זיי די שטערען,
נאָר פארגעס ניט, גרויסער הערשער,
משה איז א קינד, און קינדיש

לאָקט איהם אלץ וואָס בלאנקט און פינקעלט.
גאָלד און בלישצענדע בריליאנטען
איז פאר משה'ן בלויז א שפּילכעל,
קוילען ברענענדע, וואָס גליהען,
ווי דיין קרוין פון ריינעם גינגאָלד,
וואָלט געהאט די זעלבע לאָקונג
פאַר זיין יונגען קינדערש שכל.
שטעל איצט משה'ן צו א פּראָבע:
ברייננט אהער א שיסעל קוילען
און אַ שיסעל גאָלד. זיין הענטעל
וועט זיין שיקזאל באלד אנטשיידען.
וועט צום גאָלד זיין האנט זיך שטרעקען
ווערסטו פאַלגען די חרטומים,
וועט דאָס קינד די קוילען נעהמען —
וועט עס זיין אן איבערצייגונג,
אַז ס'איז ריין דעם קינד'ס מחשבה."

ווייסט דאָס קינד, דאָס קינד פון גושן,
וואָס עס מיינעןביידע שיסלען?
ווייסט דאָס קינד, אַז טויט און לעבען
הענגט איצט אָפּ בלויז אין זיין אויסוואהל?

ניט ער ווייסט עס און באגרייפט עס,
ס'שטרעקט צום גאָלד זיך אוים זיין הענטעל,
נאָר עס וואכט דער גרויסער בורא
אויף די קינדער פון אברהם,
אין דעם פּאלאץ שטעהט זיין מלאך,
לאָזט ניט אָפּ קיין אויג פון משה'ן,

שטויסט באלד אַף דעם אינגעל׳ס הענטעל
צו די ברענענדיגע קוילען,
און דער שיקזאל פון זיין אומה
און זיין לעבען איז געדעטעט! . . .

משה ביים סנה

יתרו׳ס שאָף און זיינע לעמער
פאַשען זיך אויף רייכע לאָנקעס,
און דער פאסטוך, אויף א בערגעל
ליגט אין שאָטען פון א צעדער,
ליגט און קוקט, פארבענקט, אין ווייטקייט.
ניט די רינדער, ניט די לעמער,
קימערען דעם שטאָלצען פאסטוך.
שווארצע פינסטערע רעיונות
פילען אָן דעם פאסטוך׳ס מח
און זיין הארץ איז פול מיט אומעט.

אין דעם ווייטען לאַנד מצרים,
אין דעם לאַנד וואָס רופט זיך גושן,
וואָהנט זיין פאָלק און טראָגט די קייטען
פון פאַרשקלאַפונג און פון גלות...
ווער וועט קענען זיי באפרייען
פון די שוטרים און די דריקער?
איז ווער דאָ וואָס זאָל זיי טרייסטען?
איז ווער דאָ וואָס זאָל זיי העלפען?
און דעם פאסטוך׳ס אויגען קוקען
ווי פאַר׳חלום׳ט, אין דער ווייטקייט,
ווי עס וואָלטען זיינע בליקען
וועלען זעהן וואָס טהוען איצטער
אין מצרים זיינע ברידער.

ביי דעם ראַנד פון גרינער לאָנקע,
שטעהען בוימלעך און א דאָרען
זעהט דער פאסטוך ווי א פייער
ווייזט זיך פּלוצלינג אין דעם דאָרען.
ברענט דער דאָרען און ער פלאַקערט,
ברענט, און ברענט, און בלייבט אַ גאַנצער,
און עס וואונדערט זיך דער פאסטוך
וואָס דער דאָרען בלייבט א גאנצער.

„איך וועל געהן און זעהן דעם וואונדער,
זעהן פאר וואָס דער גרויסער פייער
ברענט, און ברענט, און ניט פאַרניכטעט
בלייבט נאָך אַלץ דער שוואכער דאָרען."

און דער פאסטוך, יתרו'ס איידעם,
ער, דער פליכטלינג פון מצרים,
לאָזט זיך געהן צום ברעג פון לאָנקע,
וואו די קליינע בוימלעך שטעהען,
זעצט דער פייער פון דעם דאָרען,
ציהט זיך שלענגעלדיג צום הימעל,
און דער וואונדער ווערט נאָך גרעסער
וואָס דער דאָרען בלייבט אַ גאַנצער.

און א שטימע פון דעם דאָרען,
רופט איהם הילכיג, „משה, משה" !
„איך בין גאָט, פון דיינע אבות,
„פון אברהם, יצחק, יעקב,
„כ'האָב געזעהן ווי דיינע ברידער
„פלאגען זיך אין לאנד מצרים,

„ווי עס ווילטיגען די דריקער,
„אויף די קינדער פון ישראל״.

בלענדענד, ליכטיג, שיינט די שכינה,
די בעגלייטערין פון בורא,
בלענדעט מיט איהר שיין די אויגען
פון דעם ניי־געקרוינטען נביא.
און עס רעדט איצט גאָט צו משה׳ן:

צו דעם גלות אין מצרים,
צו די הערשאפט פון די שוטרים,
צו די ליידען פון פארשקלאפונג,
שלאָגט אצינד די לעצטע שטונדע.
כ׳וועל דיין שקלאפען־פאָלק באפרייען
און איהם ברייגען צו זיין נחלה.
אין אן אייגען לאַנד, אַ גוטער,
אין א לאנד פון מילך און האָניג.
„קעהר זיך אום אין לאנד מצרים,
„קעהר זיך אום צו דיינע ברידער,
„ברייגג די בשורה זיי וואָס שנעלער,
„ברייגג די בשורה פון באַפרייאונג״.

און אן ענטפער קומט פון משה׳ן:
„גרויסער בורא פון די וועלטען,
צו פערזונקען אין פאַרשקלאַפונג
איז מיין פאָלק, דאָס פאָלק ישראל,
אין די הערצער פעהלט בטחון,
פעהלט די האָפענונג אויף פרייהייט,
און זיי קענען ניט דעם בורא
פון דער ערד און פון די הימלען.

איך וועל קומען מיט דיין שליחות,
מיט דער בשורה פון בעפרייאונג,
פיעלע וועלען ניט בעגרייפען,
קיינער וועט ניט וועלען גלויבען".

און עס דונערט גאָטעס שטימע:
„געה און זאָג זיי אין מיין נאָמען,
זאָג, דער גאָט פון יידע יעקב
פון אברהם און פון יצחק,
שיקט דורך דיר א גרוס פון פרייהייט,
פון א באלדיגע ערלייזונג.
די גערדריקטע און פערשקלאפטע
וועלען נייעם מוט באקומען,
צייג זיי וואונדער מיט דיין שטעקען
און דער גלויבען איז געזיכערט."

„גרויסער הערשער פון די וועלטען",
רופט זיך משה אָפּ צום בורא,
„גליקליך בין איך פון דער בשורה,
אז עס קומט מיין פאָלק'ס ערלייזונג,
איך בין שוואך פאַר דיין שליחות,
טעמפּ מיין צונג, און שווער מיין לשון,
שיק זיי איינעם וועמעס ווערטער
וועלען קלאָר און הילכיג קלינגען,
וועמעס רייד אין שקלאפען-הערצער
וועט ערוועקען דעם בטחון,
און אויך אָנצינדען דעם פייער

זיין א פאָלק צוגלייך מיט אלע.
גאָט, צו וויכטיג ז'דיין שליחות, —
בעסער שיק צו זיי אַן אנד'רען!"

* * *

פול מיט צאָרען ווערט דער בורא,
און עס דעקען שוואַרצע וואָלקענס
צו דעם לויטער קלאָהרען הימעל —
און די דונערען, און בליצען,
דריקען אוים דעם בורא'ס שטימונג.
דורך די דונערען און בליצען
קלינגט די שטימע פון דעם בורא:
„דו וועסט געהן צו דיינע ברידער,
דו וועסט ריידען און וועסט וועקען,
און וועסט זיין דיין פאָלק'ס ערלייזער!"...

קינדער פון דער ערד

א.

ווי א גאָלדגעוועבטער טעפּיך
שימערט אונטער זונען־שטראַהלען,
פינקלען, שימערן לעגענדען,
יענע שעהנע אַלעגאָריען
פון א פאָלק וואס האָט די קייטען
פון פערשקלאַפונג אָבגעטרייסעלט,
פון א פאָלק וואס האָט פערלאָזען
זיינע פייניגער און דריקער,
האָט דעם ים־סוף דורכגעבראָדזשעט,
איז דעם מדבר דורכגעגאנגען,
און איז גליקליך אָנגעקומען
אין זיין אייגען לאנד דער פרייער.

שוואַרץ ווי נאַכט און גאליג־ביטער
איז געווען דעם אידען׳ס לעבען
אונטער פרעה׳ס בייזע הערשאפט,
פרעה פון דאָס לאנד מצרים.
ס׳האָט געפעהלט די פרייד אין גושן
און דער מונטערער געלעכטער,
גושן, יענע שטאָדט וואס יוסף
האָט געגעבען זיינע ברידער.
ס׳האָט געפעלט די פרייד אין גושן,
און מען פלעגט פון דאָרט נאָר הערען
זיפצען, קרעכצען און געוויינען
פון געפייניגטע נפשות...

און עס לויטעט א לעגענדע:
די חרטומים פון מצרים
האָבען אין דעם גאַנג פון שטערען
פון א וואונדער־זאַך דערוואוסט זיך.
האָבען ווי פון בוך געלעזען
אַז עס וועט ביים פאָלק אין גושן
איינער דאָרט געבאָרען ווערען
וועלכער וועט ישראל׳ס קינדער
פון מצרים׳ס יאָך בעפרייען,
און עגיפּטען וועט אויף אייביג
איהרע שקלאַפען דאָן פערליערען,
איהרע קנעכט און ציעגעל טרעגער.

זאָגען זיי די נייעס צו פּרעה,
ווערט דער הערשער שטארק דערשראָקען.
ניין, ער וויל ניט אַז עגיפּטען
זאָל אצינד אָהן שקלאַפען בלייבען.
ס׳טאָהר ניט קומען דער ערלייזער
פון די אונטערדריקטע שקלאַפען,
שטעדט און פעסטונגען צו בויען,
האָט דער הערשער זיך פערנומען
בעסער זאָל מען אלע זכרים
ביים געבאָרען באַלד דערטרינקען
און דער אידישער ערלייזער
וועט פערשפּאָרען דאָן צו קומען.

ב.

ווערט אין גושן א יללה,
קלאָגען מוטערס אויף דער גזירה,
קלאָגען אויף די קליינע קינדער
די פעראורטיילטע צום שטאַרבען.
קומען פרעה׳ס עקזעקוציעס
אָהן דעם מינדעסטען רחמנות,

רייסען באלד אוועק פון מאַמעס
זיי׳רע עופה׳לעך די זכרים
און זיי שליידערן די קינדער
אין דעם שטורמדיגען נילוס,
אום עס זאל ניט קיין ערלעזער
אויפשטעהן פאר די גושן־שקלאַפען.

זאגען מוטערס אין פערצווייפלונג:
און אויב שטארבען איז די קינדער
אנגעשריבען פון דעם הימעל,
זאָל דער גזר ניט דורך מצריים
אויף די עופה׳לעך יעצט פאלען!
מיר, מיר האָבען זיי געבוירען
אום זיי זאָלען גרויסע ווערען,
לעבען ביז׳ן גרויען עלטער,
און, ווען אויסגעהן וועט דער לעבען,
צו דער ערד זיך אומצוקעהרען.
ניין, מיר וועלען אונז׳רע קינדער
יעצט דער מוטער ערד פערטרויען!

יעדע נאכט ביים שיין פון שטערען,
פון דער פינסטערניש פערבאָרגען,
פלעגען פרויען זיי׳רע קינדער
צו דער מוטער ערד פערטרויען.
וויפיעל הערצער פלעגען ברעכען,
וויפיעל פלעגען הייסע טרעהרען
אויף דער ווייכער ערד דאָן פאלען
ווען די פרוי פלעגט איהרע קינדער
לעבעדיגע דאָרט בעגראָבען.
און אוועקגעהן פלעגט די מוטער
האלב אין צווייפעל, האלב אין גלויבען,
אז די ערד וועט זיי בעשיצען.

האָט די שטומע ערד פערשלונגען
טויזענדער פון דיעזע קינדער,

האָט זיי אין איהר שוים גענומען
און געוואָרען זייער מוטער
און ניט אויפגעהערט צו לעבען
האָבען דיעזע קליינע קינדער,
זייער ברוסט-מילך פלעגט ניט פעהלען,
זייער שפייז פלעגט קומען צייטליך,
און זיי זיינען דאָרט געוואקסען
שטאַרקע יונגען, ערד-גבורים,
דורך דעם וואונש פון גאָט אין הימעל
שפייזער פון די קינדער מחנות....

.ג

יאהרען קומען און פערשווינדען
און עס שקלאַפט דאָס פאָלק אין גושן,
און עס ווערען אויסגעוואקסען
גרויסע פעסטונג-שטעדט ווי רעמסס,
און פון יאָהר צו יאָהר אלץ שווערער
ווערט דאָס לעבען פון די שקלאַפען
שווערער ווערען אלץ די גזירות
שטאַרקער ווערט די אונטערדריקונג.
און דער פרעה פון מצרים
זיצט און פרעהט זיך אין זיין פאַלאַסט
וואָס די שקלאַפען בלייבען זיינע
אייביג איז דאָס לאנד מצרים.

ווער איז דער פון פרעה׳ס פאַלאַסט
וועלכער קומט צו דיעזע שקלאַפען,
גיט זיי מוטה אין זייער לײדען,
טרייסט זיי אין די שווערע שטונדען,
קעמפפט פאר זיי מיט פרעה׳ס לוחצים.
רופט די שקלאַפען זיינע ברידער?
ווער איז דיעזער מאַן פון אייזען
ועמעס אויגען שיסען פייער,

וועמעס פּנים, שטרענג און ערנסט,
ווערט בעלויכטען פון דער שכינה
ווען ער רעדט פון פרייען לעבען
פאַר די אונטערדריקטע שקלאַפען?

„ברידער, ברידער — קלינגט זיין שטימע,
כ׳בין דער זוהן פון אייער עמרם
אין דעם פּאַלאַסט אויפגעצויגען
צווישען פּרינצען און פּרינצעסינס,
כ׳בין געקומען אייך דערמאָהנען
אַז איהר זייט פון גאָט געוועהלטע,
קינדער פון דעם פאָלק ישראל,
אַז עס וואַרט אויף אייך מיט שמחה
אייער לאַנד פון מילך און האָניג
און דורך מיר האָט גאָט בעפוילען,
נעהמט צורייסט די שקלאַפען־קייטען
און פערלאָזט דאָס לאַנד מצרים...״

יעדען טאָג פלעגט דיעזער נביא
קומען מונטערן די שקלאַפען
רופען, וועקען און ערקלעהרען
אַז אין פרייהייט ליעגט דאָס לעבען
און דעם נביא׳ס פרייהייטס־ווערטער
האָבען זייער פרוכט געטראָגען,
און ענטוויקעלט דורשט נאָך פרייהייט
ליעבע צו דער לאַנד פון האָניג
אין אַן אָבגעמאַכטער שטונדע
האָבען אלע זיך פערזאַמעלט,
זיך ערקלעהרט אלס פרייע מענשען
און פערלאָזען דאַן מצרים.

ד.

פול מיט מוטה און פול בטחון
געהט א פאָלק יעצט ניי געבאָרען
ציהט צום שעהנעם, ווייטען מזרח
צו זיין לאַנד פון מילך און האָניג,

הינטער זיך דער אלטער לעבען,
פּרעה׳ס יאָך און זיינע שוטרים
און פאר זיך א וועלט מיט האָפנונג!
נייער שטרעבען, נייער פיהלען,
נייע הימלען, נייע פעלדער,
און דער הימעל זעהט אוים בלויער
און די זון שיינט דאכט זיך העלער
און דער וועג ווערט דאכט זיך לייכטער.

נעהט א פאָלק און בלייבט אין שטוינונג
שטעהן און זעהט א גרויסען וואונדער!
ס׳האָט די ערד זיך אויפגעעפענט
און פון דאָרט, ווי זאַמד און שטערען
קומען אין געדיכטע רייהען
מענשען, מענשען, יונגען־ריעזען
און מיט אויסגעשטרעקט אָרימס
לויפען זיי צום פאָלק ישראל
רופען אוים מיט גרוים בעגייסטערונג:
נעהמט אונז ברידער, מיט נאָך ציון,
אין דאָס לאנד פון מילך און האָניג,
אין דאָס לאנד פון אונז׳רע אבות!
זאָגט, ווער זייט איהר וואונדער מענשען,
פון דער ערד ארויסגעשטיגען,
פריש און יונג, ניט אויסגעארבייט,
אָהן א צייכען פון פערשקלאפונג?
„ס׳האָבען מוטערס אונז בעגראָבען
אין דער ערד ביים שיין פון שטערן
אונז פון פּרעה׳ס הענד פערהיטען
פון זיין גזירה געגען זכרים.
ס׳האָט די ערד אונז אויסגעהאלטען
ביז דער שטונד פון אייער פרייהייט
קינדער פון דער ערד געוועזען
יעצט א טהייל פון פאָלק ישראל!״

עצמות יוסף

קלאפט אין פויקען און טימפאנען,
רופט אין גושנ׳ס אלע גאסען,
זאגט יעצט אן ישראל׳ס קינדער
זאגט זיי אן די פרייהייטס בשורה:
מארגען, פאר׳ן זונען אויפגאנג
וועט דאס אידיש פאלק פערלאזען
גושן און דאס לאנד מצרים.
מארגען וועט דער שטאם פון יעקב
פון זיין האלז ארונטערווארפען
זיינע שווערע שקלאפען־קייטען
און בעשטראהלט פון נייעם לעבען,
אנגעפילט מיט מוטה און האפען
וועט דער איד דאס לאנד פערלאזען
זיינע שוטרים, זיינע דריקער.
דארט אין שעהנעם לאנד פון כנען
ווארט אויף איהם א היים א פרייע,
ווארט א היים פון מילך און האניג.
זאל דאס אידיש פאלק זיך גרייטען
מארגען פריה גלייך אפמארשירען.
קיינער זאל דא מארגען פעהלען
ווען די פרייהייט׳ס שטונד וועט שלאגען
קיינער טאהר אין לאנד ניט בלייבען
אלע מוזען אפמארשירען,
אלעס וועלען מיר פערנעהמען
עזלען, קיה, און שאף און רינדער,
זילבער, גאלד און ווירטשאפט חפצים.

פריידיג רופט דעם נביא׳ס שטימע
זאגט די אידען אן די בשורה:
מארגען שלאגט די פרייהייטס שטונדע

מאָרגען וועלען יעקב׳ס קינדער
פון דעם גלות זיך בעפרייען. —
און עס פרעהען זיך די זקנים
און עס יובלען אויך די קינדער;
זאָגען איינער צו דעם אנד׳רען
מאָרגען וועלען מיר פערלאָזען
גושן און דאָס לאנד מצרים.

געהט צום נביא צו א זקן:
„גרויסער לעהרער, גאָט׳ס געוועהלטער,
זאָגסט מיר זאָלען אלץ פערנעהמען
שאָף און רינדער, גאָלד און חפצים
קיינער זאָל פון אונז ניט בלייבען
אין דעם לאנד פון אונזער שקלאַפען
ווייסטו, אז אין לאנד מצרים
ליעגען ערגעץ יוסף׳ס ביינער
און געלאָזט אונז א צוואה
האָט דער זוהן פון זיידע יעקב:
„ווען די פרייהייטס שעה וועט קומען
ווען דער גאָט פון אונז׳רע אבות
וועט אָן אייך זיך ווען דערמאָהנען,
לאָזט מיך ניט אין לאנד מצרים
נעהמט דאן מיט אויך מיינע ביינער”.

„אמת, אמת” — זאָגט דער נביא —
ווייסטו וואו די ביינער ליגען
וואו בעגראָבען איז זיין ארון,
אז מיר זאָלען זיין צוואה
קענען מאָרגען גלייך ערפילען?
„ניין, איך ווייס ניט! שעהנע זאָגען
געהען אום ביים פאָלק ישראל
שעהנע זאָגען וועגען יוסף,
און דעם פלאץ פון יוסף׳ס קבר.
לויטעט איינע פון די זאָגען:

אין די קעניגליכע קריפטען
פון די פרעה׳ס פון מצרים,
אין א רייכען מאוזאלעאום
ליעגען אונזער יוסף׳ס ביינער
און צוועלף הינד פון ריינעם גינגאָלד
שטעהען ביי דער טיהר און וואַכען,
וואַכען קיינער זאָל ניט קומען
און פאַרנעהמען יוסף׳ס ארון.
די חרטומים פון מצרים
האָבען דיעזע הינד פון גינגאָלד
אָנגעטאָהן מיט זייער כשוף
און ווען איינער קומט צו נאָהענט
צו די קעניגליכע קריפטען
פון די פרעה׳ס פון מצרים
צו דעם שעהנעם מאוזאלעאום,
פאַנגען אָן די הינד פון גינגאָלד
שרעקליך מורא׳דיג צו בילען
און דער קול פערנעהמט די שטרעקע
פון א פערציג טעג מהלך״.
ענטפערט משה: „געגען אידען
וועט קיין הונד ניט וואַגען בילען!״

און דער זקן רעדט אלץ וויטער:
ס׳געהט ארום אן אַנדער זאָגע —
אויפ׳ן אָבגרונד פון דעם נילוס
ליעגט בעגראָבען יוסף׳ס ארון
ליעגען רוהיג זיינע ביינער,
איבער זיי דער מוטנער וואַסער
פון דעם גרויסען ברייטען נילוס,
נאָר דער וואַסער קען ניט ריידען
און אין ערגעץ איז פערשריבען
וואו מען האָט אין אלטע צייטען
דאָרט בעגראָבען יוסף׳ס ביינער.
איינע קען דעם פלאַץ דיר זאָגען,

דאָס איז סרח, אָשר'ס טאָכטער,
זי האָט מיט דעם זיידען יעקב
איינגעוואַנדערט אין מצרים
זי, אן אייניקעל ישראל'ס
זי, וואָס האָט איהר אַלטען זיידען
אָנגעזאָגט, אז יוסף לעבט נאָך
האָט געזעהן איהר פעטער'ס גדולה
יוסף'ס הערשאַפט אין עגיפּטען, —
זי האָט צוגעזעהן די קבורה
פון איהר פעטער אין דעם נילוס.
דורך די שווערע, לאנגע דורות
פון פערשקלאַפונג פאר די אידען,
דורך דער צייט פון פיין אוןליידען
פאר די קינדער פון ישראל
לעבט די סרח, אשר'ס טאָכטער.
שאַרף איז יעצט נאָך איהר זכרון,
ליכטיג שיינען איהרע אויגען,
גלייך איז יעצט נאָך סרח'ס קערפּער
ווי די סטרונעס פון איהר פידעל,
פון איהר אלטער צויבער-פידעל
וועלכע פלעגט דורך זיסע טענער
יעקב'ס אַלטע האַרץ דערפרעהען.
דורך די שווערע לאַנגע דורות
וואַרט אַלץ סרח, אשר'ס טאָכטער
אויף דער שטונדע פון בעפרייאונג
פאַר איהר פאַלק און איהרע ברידער.
רוף איהר, נביא, בעט איהר צייגען
דיר דעם פּלאַץ פון יוסף'ס קבר
ס'טאָהרען יוסף'ס אַלטע ביינער
אין מצרים ניט פערבלייבען..."

ווען די שווערע אבענד שאָטענס
האָבען צוגעדעקט די הימלען
האָט דער נביא דורך די גאַסען

הויך געלאָזט זיין שטימע שאלען:
„סרח, סרח, אשר׳ס טאָכטער,
דו, די עלטסטע צווישען אידען
קום און צייג אונז אָן דעם קבר
פון דיין גרויסען פעטער יוסף!"

קומט צולויפען באלד די זקנה,
שלאַנק און בויגזאם ווי א פּאַלמע
און מיט פייער אין די אויגען
פול ערוואַרטונג, גליק און האָפען.
געהען זיי, די פרוי און משה,
צו דעם גרויסען, ברייטען נילוס
צו דעם פּלאַץ, וואו ס׳ליגט בעגראָבען
אויף דעם אָבגרונד יוסף׳ס ארון.

רוהיג פליסט דער אַלטער נילוס
צווישען זיינע ברייטע ברעגען
און די בלאַסליכע לבנה
שפּיגעלט אָפּ זיך אין זיין וואַסער.
ווערט דער נילוס אָנגע׳ברוגז׳ט
ווען ער זעהט דעם נביא משה
שטעהענדיג ביי זיינע ברעגען,
וויים דער טייך צו וואָס געקומען
איז יעצט סרח און דער נביא.
רופט דער נביא אוים צום וואַסער:
„יוסף, יוסף, זוהן פון יעקב,
מאָרגען קומט די פריידענס שטונדע
ווען דיין פאָלק און דיינע ברידער
וועלען זיך פון יאָך בעפרייען

מאָרגען געהט דאָס פאָלק נאָך ציון,
צו זיין לאנד פון מילך און האָניג
און מיר ווילען דיינע ביינער
מיט דאָס גאנצע פאָלק פערנעהמען".

פאַנגט אָן רוישען שטארק דער נילוס,
דרעהט און רודערט זיך זיין וואסער
און אין שוים, פון טיעפען אָבגרונד
האָט דער ארון זיך בעוויזען.

ביים ים־סוף

וואָס שטעהט איהר? פאַראויס אין די ברויזענדע וועלען
פון שטירמענדען ים הייסט דער בורא אייך געהן,
צום הילף וועט זיך יעטווידער מלאך אייך שטעלען
און רעטען פון אונגליק וועט גאָט אייך אליין...

דער שרעקליכער תהום קען אויך אויסגעגלייכט ווערען
ביים וואונק פון דעם בורא׳ם באַשאַפּענדע האנד
די וואַסער פון טיעפסטע און שרעקליכסטע מעערען
קען בלייבען באלד שטעהן ווי אַן אייזערנע וואנד.

מיט מוטה און בטחון אין וואַסער פון ים־סוף
מיט זיכערהייט טרעט איצט אַריין...

עס פאַנגט אָן צו ציהען
די אידישע מחנה
צי האָט ווער, אין אונגליק, א ברירה?
פון הינטען קומט פּרעה
מיט זיינע חילות, —
דער ים־סוף טרייבט אָן אַזאַ מורא.

עס וויטהעט דער שטורם
מיט שרעקליכען כח,
דער הימעל העלפט צו צו דעם טרויער
עס בייט זיך דער ים־סוף,
דאָ פאַלט איין דאָס וואַסער
דאָ שטעלט עס זיך הויך ווי א מויער.

מיט מוטה און בטחון,
דאָך געהען די אידען
עס וויינען נאָר קינדער און פרויען:
ווי קענען מיר, בורא,
דעם מלאך המות —
דעם וואסער די לעבענס פערטרויען?

דער ים האָט געעפענט זיין שרעקליכע מויל
און שטעהן איז געבליבען דאָס וואסער,
עס ריהרט ניט קיין זעעל און פון פחד און שרעק
ווערט יעטווידער איינער אַלץ בלאַסער...

„וואָס שטעהט איהר!" גיט משה א דונער אויף זיי,
„דאָס וואסער וועט אייך ניט פערשלינגען,
און וואגט איהר ניט קיינער צו טהאָן אזא שריט
דער ערשטער אין ים וועל איך שפרינגען!"

און מוטהיג איז יעצט נאָכגעגאנגען דאָס פאָלק
אין טריט פון דעם הייליגען משה'ן,
מען הערט ניט פון קיינעם פון מורא א וואָרט,
דער שטורם נאָר האלט אין איין רוישען.

און שטיל ווערט דער שטורם און שטיל ווערט דער ים
און שטעהן בלייבען וועללען ווי זיילען,
אַ זעקס הונדערט טויזענד נפשות דורך זיי
צום אַנדערן ברעג זעהט מען איילען.

און אַט איז דער פיהרער ביים אַנדערן ברעג
און יעטווידער שבט בעזונדער
געקומען איז גאנץ — און זיי שטעלען זיך אוים
בעטראכטען דאָס ריעזיגע וואונדער!

דאָך שטעהט נאָך דאָס וואסער און וואַרט אויף זיין רויב
אַט קומען שוין פּרעה'ס חילות
אַ זעקס הונדערט טויזענד נפשות מיט זיך
אוועקנעהמען ווידער אין גלות.

זיי שפּרינגען ווי טייפלען אריין אין דעם ים
זיי ווילען דערגרייכען די אידען,
וואָס איז דאָס? דער ים־סוף האָט פּלוצלונג ערוואַכט,
ער פאַנגט אָן צו רוישען און זידען.

עס ברעכט אוים דער שטורם מיט שרעקליכען כעס,
עס הויבען זיך העכער די וועלען,
עס דוכט זיך זיי ווילען מיט זייער געררויש
דעם וועג פאר דעם שונא פארשטעלען...

עס ריהרט זיך דאָס וואסער און הויבט זיך ארויף
און אונטען צושפּרייט זיך עס ווייטער,
עס ווערט פון דעם וואסער א ריעזיגער דאַך
גלייך איבער די קעפּ פון די רייטער!...

אַ שרעקליכער קראַך און אַ קאַמפּף מיט'ן טויט,
דער דאַך איז צום אבגרונד געפאלען,
פערדעקט און פערשלונגען דעם שונא אין ים
מיט טייפעלשען רוישען און שאַלען...

און שטילער איז ווידער געוואָרען דער ים,
און רוהיג לויפט ווידער דאָס וואסער,
דעם אַבגרונד פון ים־סוף האָט פּלוצלונג פערדעקט
אַ ריעזיגער קבר אַ נאַסער!...

אז ישיר

אַ, זינגט מיט מיר אַ ליעד צו גאָט,
ווייל גרענצלאָז איז דאָך זיין גענאָד,
ווייל מיט זיין גרויסע מאַכט האָט ער
געשטירצט דעם שונא אין דעם מעער.

מיין שטאַרקייט און אויך מיין געזאַנג
איז דיעזער גאָט פון זעהר לאַנג,
איך וועל איהם לויבען טאָג און נאַכט
און ריהמען שטענדיג נאָר זיין מאַכט.

ווער איז א קריעגער גלייך ווי ער?
ווער קען די קראַפט בעווייזען מעהר?
ער האָט דאָך רייטער פיעל אין צאָהל
געשטירצט אין ים דאָ מיט אמאָל.

צום אַבגרונד, ווי עס פאַלט אַ שטיין
געזונקען זיינען זיי אליין,
און זיינע וואַסערן גאַנץ שווער
האָט צוגעדעקט אויף זיי דער מעער.

אַ גאָט, דו האָסט די פיינד צושטערט,
דיין צאָרן האָט דאָך זיי פערצעהרט,
ווי ס׳פרעסט דער פייער אויף די שטרוי
פערצעהרט יעצט זיינען זיי אזוי.

דיין אטהעם־בלאָז, אָ, גרויסער גאָט,
דעם גאַנצען ים פערזאַמעלט האָט,
אַ וואַסער־וואַנד דאָ אויפגעשטעלט,
דעם גרעסטען וואונדער פאר דער וועלט.

דער שונא טראַכט: „איך האָב מיין רויב,
איך מאַך דעם אידען יעצט צו שטויב.
ער גלויבט ער האָט איהם שוין אין האַנד,
דו גיסט א בלאָז, — די וואַסער־וואַנד

דעקט צו דעם שונא ווי א דעק
און ס׳קוקען רייטער אָן מיט שרעק,
עס רייסט זיך אוים דער טויט געשריי
ווי בליי אין וואַסער זינקען זיי...

ואתחנן...

עם שטעהט דער נביא אויף דעם הויכען בארג,
דער קאפ געבויגען און זיין בליק פארטראכט,
עם הילכט די לופט נאך מיט כביכול׳ס רייד:
„דיין טאג פון טויט איז נאהענט, גרייט זיך צו״.

יא, שטארבען מוז דער נביא פאר דער צייט.
און ווען? בשעת זיין פאלק איז ביי דער שוועל
פון לאנד וואס גאט האט צוגעזאגט צו איהם.
אן אנד׳רער וועט ברייננגען יעצט זיין פאלק
אין לאנד וואס פליסט מיט האניג און מיט מילך;
אן אנדערער וועט האבען יעצט דאס גליק
צו זיין דער פיהרער פון ישראל׳ס שטאם...

„א, גאט, א, גאט, די פערציג וואנדער־יאהר
אין וויסטען מדבר מיט א שקלאפען פאלק,
צי זיינען זיי ניט ווערטה עס זאל מיין פוס
בעטרעטען אויף א וויל דאס היילינג ערד?
און איז מיין פיהרערשאפט ניט ווערטה ביי דיר
עס זאל מיין אויג, א רגע פאר מיין טויט,
זיך זעטיגען מיט אן איינציג בליק
אויף אונזער לאנד, דאס היילינג אידיש לאנד?״

דער ענטפער קומט באלד דורך די וואָלקענס־הויך:
„פון דיזען בארג, דאָס לאַנד איז לייכט צו זעהן,
הויב אויף דיין בליק און זעה ווי שעהן עס איז.
דו קענסט עס זעהן, נאָר קומען דאָרטען — ניין!"

און טונקלער ווערט דעם נביא'ס טונקלער בליק,
און טיעפער זינקט צום ברוסט זיין שעהנער קאָפּ.
און ס'בעט זיך משה נאָך א לעצטען מאָל:

„אָ, גאָט, אָ, גאָט, דערבארמדיגער האר!
דו האָסט געאורטיילט און אזוי דארף זיין.
ניט שרעקליך איז פאר מיר דער טאָג פון טויט,
וואָס ס'קומט פון ערד מוז קומען דאָרט צוריק!
איך בעט דיר, גאָט, אין דיין ערבארמונג גרויס,
אָ ווינטעל לאָז מיר זיין, א ווינטעל נאָר,
איך וועל דעם ירדן איבערשוועבען באלד
און קושען ליעבליך, קיהלען מיט מיין הויך
די זון־דערהיצטע ברעגעס פון מיין לאַנד;
אָ, לאָז א פויגעלע מיר זיין אין וואלד,
אין וואלד לבנון בויען דאָרט מיין נעסט,
און גליקליך זינגען אין דעם וואלד
צו דיר א שירה און א לויב־געזאַנג!
אָ, לאָז א הירש מיר זיין, אָ הירש גאַנץ לייכט,
איך וועל מיט פרייד פון כרמל'ס העכסטען שפּיץ
דעם יונגען טאָג באגריסען, און די זון
וואָס שיינט אַרונטער אויף דעם אידען'ס לאַנד:
אָ, מאַך מיך, גאָט, אין וועלכען ס'איז געשטאַלט,
נאָר לאָז מיר צו צום אידען'ס אייגען לאַנד!"

עס וואָרט דער נביא אויף אַן ענטפער יעצט,
נאָר שטילקייט הערשט אין ווייטען הימעל־רוים.
אַ שוואַרצער וואָלקען דעקט די בלויקייט צו
און הילט אין פינסטערניש דעם הימעל און דעם באַרג.
דער ענטפער קומט אין דונער און אין בליץ:
„וואָס גאָט בעשטימט, דאָס ענדערט ער ניט אום".

די תורה

א.

זעהסטו דארט אין ארון קודש
איינגעהילט אין סאמעט-מענטעל,
יענעם פארמעט, אלט און געלבליך?
ווייסטו, קינד מיינס, יענעם פארמעט?
ס'איז דעם אידען'ס אלטע תורה,
אין דעם הימעל אנגעשריעבען
דורך דעם בורא'ס האנד, אויף לוחות,
און נעגעבען צו אן אומה
וועלכע האט די שקלאפען קייטען
פון איהר האלז אראפגעווארפען.

זעהסטו, קינד מיינס, יענעם פארמעט,
זעהסטו, קינד, דעם אידען'ס תורה,
איינגעהילט אין סאמעט-מענטעל
דארטען אין דעם ארון קודש?
ס'איז דער בוים פון לאנגען לעבען,
ס'איז דער קוואל פון מענשען-ליעבע
איהרע וועגען זיינען שלום
איהרע סטעזשקעס — רוה און פריעדען
וואויל איז דעם וואס האלט די תורה
און ער געהט אין איהרע וועגען.

דורך דעם וויסטען, לאנגען מדבר,
אין זיין לאַנד פון מילך און האָניג
און דערנאָך אין שווארצען גלות
האָט דער איד זיין אלטע תורה
דורכגעטראָגען אויף די פּלייצעס.
טייכען בלוט און שטראָמען טרעהרען,
שייטער הויפענס, אינקוויזיציע,
אָך, ער טראָגט דער איד זיין תורה
מיט א וואונדערבארער גבורה
נעגען שטראָם און שטארקען שטורם.

זעהסטו, קינד מיינס, דיזע תורה?
ס'איז דער בוים פון לאנגען לעבען,
איהרע וועגען — רוה און פריעדען
איהרע סטעזשקעס זיינען שלום.
דורך דעם וויסטען, לאנגען מדבר,
דורך דעם שווארצען, בייזען גלות
פאר'ן פאָלק דעם אויסדערוועהלטען
טויזענד יאָהר איז פונקט ווי נעכטען
ער, דער עלטסטער, פון די פעלקער, —
ער, — א פאָלק פון אייביג לעבען.

הער זיך צו די וואונדער-מעשה
פון דעם אידען און זיין תורה
אין דעם גרויסען ים התלמוד
האָב איך אויסגעזוכט דעם פּערל
ווי אזוי דאָס פאָלק ישראל
האָט די תורה אָנגענומען:
ווי דער בורא פון די וועלטען
האָט זיין שאַץ אַרומגעטראָגען,
זי געוויזען פאר די פעלקער
און זיי האָבען איהר פעראַכטעט.

ב.

קוקט אַרונטער פון די הימלען
גאָט דער שעפער פון די וועלטען,
זעהט די ערד און איהרע ברואים,
זעהט דעם מענשען ווי ער לעסטערט
אַלעס וואָס איז שעהן און הייליג,
זעהט די שטענדיגע מלחמות,
בלוט-פערגיסונג און אכזריות,
הערט די זיפצען און געשרייען
וועלכע גרייכען ביז'ן הימעל,
און עס זאָגט דער וועלט'ס בעשעפער:

„כ'האָב די וועלט און איהרע מענשען
אויסגעפורעמט אין מיין טיגעל,
כ'האָב דעם מענשען-קינד געגעבען
אין זיין מאַרך דעם פונק פון דענקען,
אין זיין הארץ דעם מוטה פון לעמפערט,
אין די גלידער, קראַפט און פלינקייט
אַלעס האָט ער, נאָר עס פעהלט איהם
ליעבע צו דעם צווייטען מענשען,
און זיין שעפער'ס גרויסע מדות
די פערצייהונג און רחמנות.

„כ'וויל איהם געבען יעצט א לעהרע
און זי וועט איהם גלייך ערהייבען
צו א נאָבעלע מדרגה,
און איך וועל דאַן קענען זאָגען,
נעהמט בעטראכט דעם זעלבען מענשען
און בעוואונדערט יעצט מיין האנד-ווערק.
איך אליין וועל פון די הימלען
גלייך צו איהם ארונטערשטייגען
און מיין אוצר, דיזע תורה,
אייגענהענדיג איבערגעבען."

און דער בורא פון די וועלטען
נעהמט די תורה אין די אָרימס,
שטייגט אַרונטער פון די הימלען
אום דער מענשהייט צו בעגליקען.
קומט צו אדום, קומט צו מואב
געהט פון פאָלק צו פאָלק און בעטעלט
„כ׳האָב פאר אייך דעם בוים פון לעבען,
כ׳ברייננ אייך גליק און ברייננ אייך פריעדען,
נעהמט עמפּפאנגט מיין גרויסען אוצר,
נעהמט עמפּפאנגט מיין ליעבע תורה!”

בלייבען פעלקער טויב צום אויפרוף,
ווילען גאָטעס וואָרט ניט הערען,
וויל ניט עשיו דעם לא תרצח,
וויל ישמעאל ניט די תורה
פאַר דעם ריינעם, שעהנעם לעבען
וואָס זי הייסט די מענשען פיהרען.
געהט צוריק ענטוישט דער בורא
טראָגט די תורה אין די אָרימס
און ער מאכט זיין לעצטע פּראָבע
אויף א שפּאָגעל נייער אומה.

געהען קינדער פון ישראל,
פון מצרים דורכ׳ן מדבר.
געהט א פאָלק געוועהנט צו שקלאפען
יעצט בעפרייט פון פרעה׳ס הערשאפט,
און עס זאָגט צו זיי דער בורא:
„כ׳האָב פאר אייך דעם בוים פון לעבען,
כ׳ברייננ אייך גליק און ברייננ אייך פריעדען,
נעהמט, עמפּפאנגט מיין ליעבע תורה!”
און מיר האָבען איהר עמפּפאנגען!!

— — — — — — — — — — — — — —

חורבן ירושלים

זרקו פרחי כהונה את המפתחות
ואמרו: טול את שלך!
(מדרש איכה).

פייער־רויט אין גרויען הימעל
האָט די זון זיך היינט בעוויזען
און אראָפּגעקוקט מיט טרויער
אויף די פעלדער פון יהודה.
יעדער גרינער גראָז פערניכטעט,
יעדער בוימעל אויסגעריסען,
חרוב, וויסט די גאנצע געגענד
פון דעם בייזען, שטארקען שונא.

דורכגעבראָכען איז דער מויער
פון דער שטאָדט ירושלים,
און עס טראָגען זיך צום הימעל
גראָבע, יובלענדע געשרייען
פון די רוימישע לעגיאָנען,
און עס גרייכען אויך צום הימעל
די פערצווייפעלטע געשרייען
פון א פאָלק וואס וויל נישט שטארבען...

ניט געקענט דעם אונגליק צוזעהן
האָט די זון אין גרויען הימעל
און בעהאלטען באלד איהר פנים
אין געדיכטע, שווארצע וואָלקענס.
און עס וויינען די מלאכים,
און עס פאָלען זיי'רע טרעהרען
פון די וואָלקענס גלייך אראָנטער
אויף דער ערד אין שטראָמען רעגען...

אויף די שמאָלע שטיין־געזימסען
פון דעם אידען׳ס בית המקדש
שטעהען כהנים און קוקען
אויף דער לעצטער שלאַכט פאַר פרייהייט.
שרעק און האָפענונג צוזאמען
דריקען אוים די שטארע בליקען,
און עס פליסטערן די ליפּען
יעצט צו גאָט א שטילע תפילה:

„גרויסער הערשער פון די הימלען,
פון דער ערד און אלע וועלטען,
צייג דיין חסד צו די קינדער
פון אברהם, יצחק, יעקב,
שיק דיין מלאך וואס זאָל קעמפּפען
פאַר דעם אידען׳ס לאַנד און פרייהייט,
בענש די וואַפען פון די העלדען,
פון די העלדען פון יהודה!"

און זיי קעמפּפען ווי די לייבען,
ווי די טיגערן צורייצטע
געגען טיטוס׳עס לעגיאָנען
דיזע העלדען פון יהודה.
ס׳קלינגען אָפּ די שארפע שפּיזען
אויף די פּאַנצער פון די קריגער,
ס׳הילכט די לופט מיט ווילדע קולות
פון די קעמפּפענדע ארמעען.

ס׳הערען זיך די וועה געשרייען
פון די מוטערס און די קינדער,
פון פערוואונדעטע און שוואַכע
וועלכע ליעגען אין די גאַסען.
מעכטיג איז דער בייזער שונא,
פיעל אין צאָהל ווי זאַמד און שטערען,
ס׳שטראָמען נייע לעגיאָנען,
ס׳קומען צו אלץ נייע רוימער.

קלענער ווערט די צאָהל פון קעמפפער
פאר דעם אידען'ס לאנד און פרייהייט,
טריט נאָך טריט פערדרינגט דער שונא
די פערטהיידיגער פון ציון.
און עס פלאטערן די הערצער
פון די כהנים וואס שטעהען
אויף די שמאָלע שטיין געזימסען
פון דעם אידען'ס בית המקדש.

ב.

אויף די שמאָלע שטיין-געזימסען
פון דעם אידען'ס בית המקדש
שטעהען כהנים און וויינען
אויף דעם אידען'ס גרויסען חורבן.
נעהנטער, נעהנטער קומט דער שונא
צו דעם אידען'ס בית המקדש,
ס'קעמפפען נאָך א הונדערט אידען
זייער הייליגטהום צו שיצען.

מיט א שווער געדריקטען הארצען
האָט דער אַלטער כהן גדול
צוגעשלאָסען יעצט דעם היכל
און אַרויף צו זיינע ברידער,
צו די כהנים וואס שטעהען
אויף די שמאָלע שטיין-געזימסען
פון דעם אידען'ס בית המקדש
פול מיט שרעק און אַנגסט אין הארצען.

ס'איז דער לעצטער העלד געפאַלען
פון זיין אייגען שווערד געטראָפען.
ווילדער, העכער ווערט דער יובעל
פון די רומישע לעגיאָנען,

שוואַכער, שטילער ווערט דער קרעכצען
פון פערוואונדעטע און קינדער,
ס׳האָט א פאָלק זיין לעצטען אָטהעם
אויסגעהויכט אין קאמפף פאר פרייהייט!..

איבער בערג פון טויטע קערפער
האָט דער שונא זיך דערשלאָגען
צו דעם אידען׳ס בית המקדש,
און די טמא הענד ערגרייפען
באלד די שעהן געשניצטע טיהרען
יעצט צום ערשטען מאָל פערשלאָסען...
און עס וויינען דיעזע טהירען
אונטער יעדען קלאפ פון שונא!

הערט איהר ווי די היידען יובלען?
זייער ווילדע פרייד איז גרענצלאָז,
זייער שווערד איז ענדליך זיעגרייך
איבער אידען און יהודה
און די בלוט-בעפלעקטע קריעגער
שטעהען אין די קדשי קדשים
דאָרט וואו גאָט פלעגט אימער רוהען
און עס הערשט שוין ניט זיין שכינה.

גראָבע טמא הענד ערגרייפען
גאָלד׳נע כלים ריין און הייליג,
ס׳לעסטערען די טמא ליפּען,
גאָט, דעם שעפער פון די וועלטען
און עס פלאָטערן די הערצער
פון די כהנים וואָס שטעהען
אויף די שמאָלע שטיין-געזימסען
פון דעם אידען׳ס בית המקדש.

ניט גענוג איז נאָך דעם שונא
הייליגטהימער צו פערשוועכען —
וואָס עס קען דער שווערד ניט שטירצען

מוז דער פייער היינט פערניכטען!
און עס פלאַקערט אויף דער פייער
אין דעם אידען׳ס בית המקדש,
און פערשפרייט זיך ווי צובלאַזען
פון א שטורם-ווינד אַ גרויסען.

ס׳יאַמערט יעדער שטיין פון היכל,
ס׳קלאַגט דאָס האָלץ פון וואלד לבנון,
„גאָט, ווי קענסטו דאָס דערלאַזען
צו ערנידריגען דיין נאָמען!״
ס׳הויבען העכער זיך די פלאַמען,
וויקלען איין דעם גאנצען בנין,
און אלץ ווייטער געהט דער פייער
ווי פון גאָט אליין געטריבען...

אויף די שמאָלע שטיין-געזימסען
צוגעטוליעט איינס צום צווייטען
שטעהען כהנים און וויינען —
וויינען אויף דעם גרויסען חורבן.
נעהנטער, נעהנטער קומט דער פייער,
גרעסער, גרעסער ווערט דער פלאַקער,
ס׳גרייכט שוין צו די שטיין געזימסען,
צו די כהנים וואס וויינען.

און דער אלטער כהן גדול
האָט זיין האַנד יעצט אויפגעהויבען
און געהאלטען הויך די שליסעל
פון דער טיהר פון בית המקדש.
און עס קלינגט גאנץ הויך זיין שטימע:
„גאָט! דיין פאָלק איז אָבגעריסען
פון זיין לאַנד און פון זיין פרייהייט,
און דיין הייליגטהום פערניכטעט.

נעהם וואָס דיינס איז, גרויסער בורא!״
און אַ וואָרף געטהאָן צום הימעל

האָט דער זקן הויך די שליסעל
און מיט אלעמען צוזאמען
אין דעם פלאַם אַריינגעשפּרונגען!
און געפאלען ז׳גלייך דער בנין
מיט א קראַך פון טויזענד דונער,
און די וועלט האָט אויפגעציטערט!

אסתר

א.

אין די טעג פון אחשורוש,
ער, דער גרויסער שטאַרקער קעניג
איבער פּרס, איבער מדי,
האָט אין דריטען יאָהר פון הערשאַפט
צוגעגרייט א גרויסע סעודה
פאַר זיין חיל און סאַטראַפּען.
פאַר׳ן פאָלק און אונטערטהאַנען
האָט דער גרויסער, שטאַרקער הערשער
צוגעגרייט א רייכע סעודה
און געצייגט דעם פאָלק זיין רייכטהום:
כלים פון דעם ריינסטען גינגאָלד,
גאָלד-געשטיקטע פּראַכט-פּאָרטירען,
זיידענס, עלפענדביין און פּורפּור,
רייכע שפּייזען און געטרענקע.

זיצט דער קעניג אחשורוש
טאָג נאָך טאָג און עסט און שיכור׳ט,
גרייכט דעם וויין צום קאָפּ פון קעניג,
ווערט דער גרויסער הערשער פרעהליך,
פאַלט איהם איין דאָס פאָלק צו צייגען
ווי ס׳איז שעהן די מלכה ושתי,
זאָל דאָס פאָלק אליין בעטראַכטען
די געטאָקטקייט פון איהר קערפּער
און בעוואונדערען זיין אויסוואהל
און זיין גוסט אין פרויען-שעהנהייט.

שיקט דער קעניג אחשורוש
רופען ושתי׳ן צו דער סעודה,
נאָר די מלכה וויל ניט קומען
ווי דער קעניג האָט בעפוילען.

בלייבען זיצען די סאטראפען
שטאַרק ענטווישט פון ושתי׳ס ענטפער,
בלאָנדזשען שטאַר דעם קעניג׳ס בליקען
אויף די רייהען געסט ביים סעודה,
רוישט דער וויין ביי איהם אין מוח,
ליעגט זיין צונג ווי אָבגענומען...
שטעהען אויף א פּאָר סאטראפּען,
רעדען זים און אונטערטהעניג!
„ניט פאר דיר אליין פערזינדיגט
האָט זיך ושתי מיט איהר ענטפער,
פאַר׳ן גאנצען פאָלק פון פּרס
וועט עס זיין א שלעכטער ביישפּיעל
מעהר ניט פאָלגען וועלען פרויען
דעם בעפעהל פון זיי׳רע מענער.

„גרוים און מעכטיג בינסטו, קעניג,
און דיין וואָרט — א דין פאר יעדען
א געזעץ אין דיין מלוכה,
מעג עס זיין אליין די מלכה.
ס׳האָט נאָך פּרס שעהנע פרויען,
שעהן און ליעבליך פּונקט ווי ושתי,
שעהנע מיידלעך אין די לענדער
וועסטו הונדערטע געפינען,
ברענג זיי אין דיין רייכען פּאַלאַסט,
קלייב זיך אוים א גרויסע שעהנהייט
די וואָס וועט דיין הארץ געווינען
זאָל דיין ושתי׳ס פּלאַץ פערנעהמען.”
זיצט דער קעניג ווי צוטומעלט,
שאָקעלט צו דעם קאָפּ אלס ענטפער.

ב.

גליקליך איז די שעהנע אסתר
אין דעם הויף פון אחשורוש,
כבוד, רייכטהום, פערגעניגען,
אַלעם האָט איהר גאָט געגעבען,
זי, א קינד פון אביחיל,
פון דעם גלות פאָלק די אידען,
איז די הערשערין פון פרס,
זי, וואָס האָט נאָר נויט געליטען
האָט אַ וואונדער שעהנעם פּאַלאַסט,
שקלאַפען, דיענסטען, קאַמערמיידלעך,
און דער קעניג אחשורוש
איז בעגייסטערט פאר זיין אסתר
און אלס קעניגין פון פרס
האָט ער איהר נאָר אויסגעקליבען.

ביי דעם טויער זיצט איצט מרדכי
אסתר׳ס קרוב און ערציהער
און ער וואַרט אויף זיין הדסה
גליקליכסטע פון אלע מיידלעך.
ביי דעם טויער זיצט איצט מרדכי
ערנסט, טרויעריג, פערקומערט,
רעדט ניט מיט די הויף בעדיענטע,
קוקט ניט אויף די הויף-סאטראַפּען,
און ער בוקט זיך ניט און קניעט ניט
פאר דעם ליעבלינג פון דעם קעניג,
פאר דעם גרויסען, שטאַרקען המן
ווען ער געהט פון קעניג׳ס פּאַלאַסט.
אַנגעצונדען אויף דעם אידען
ווערט דערפון דעם קעניג׳ס ליעבלינג.

טעגליך ביי דעם קעניג׳ס טויער
ווידערהאַלט זיך די געשיכטע —
אַלע בוקען זיך און קניען
פאַר דעם גרויסען, שטאַרקען המן,
נאָר עס בוקט זיך ניט און קניעט ניט
יענער שטאָלצער איד ביים טויער
און עס פילט זיך אָן מיט צאָרן
המנ׳ס האַרץ אויף דיזען אידען.
ר׳קען איהם פאַר זיין חוצפה טויטען.
נאָר ער וועט דערמיט ניט שטילען
יענעם פייער פון נקמה
וועלכער ברענט ביי איהם אין האַרצען,
זיין בעליידיגונג קען לעשען
בלויז דער טויט פון אַלע אידען...

ג.

לויפט אריין א קאַמערמיידעל,
זאָגט צו אסתר׳ן מיט אימפעט:
„האַרין, האַרין, ביי דעם טויער
זיצט דיין מרדכי שטאַרק פערטרויערט
מיט אַ זאַק אויף זיינע לענדען
און מיט אַש דעם קאָפּ בעשאָטען.״
האָט זיך אסתר שטאַרק דערשראָקען,
זאָגט זי איהר געטרייען דיענער:
„לויף התך און פרעג מיין מרדכי
וואָס בעדייט זיין טיעפער טרויער,
וואָס בעדייט זיין רייסען קריעה,
האָט אַן אונגליק איהם געטראָפען
וואָס זיין קאָפּ מיט אַש בעדעקט איז?״
לויפט התך און ברייננגט א תשובה:

„אסתר, אביחיל'ס טאָכטער,
קינד פון אלטען פאָלק ישראל,
רײם אויך קריעה אויף דעם אונגליק,
וואָס געטראָפּען האָט די אידען.
רײם אויך קריעה, ווייל פערטיליגט
וועלען ווערען אלע אידען
אויף דעם וואונש פון בייזען המן
מיט דער צושטימונג פון קעניג.
געה אין פּאַלאַסט פון דעם קעניג,
רחמים בעט פאר דיינע ברידער,
ריהר זיין הארץ מיט דיינע טרעהרען,
פאַל איהם צו די פיס און זאָג איהם
אַז דיין פאָלק איז אין סכנה —
אסתר, אסתר, העלף די אידען!"

„געהן צום קעניג ניט געבעטען?"
פרעגט זיך אסתר און זי שרעקט זיך,
שרעקט זיך פאַר איהר אייגען לעבען...
קען זי אבער זעהן געלאַסען
ווי מען וועט מיט גרוים אכזריות
קוילען אלע איהרע ברידער?
און זי שיקט איהר וואָרט צו מרדכי:
„איך וועל מקריב זיין מיין לעבען,
איך וועל געהן צום קעניג'ס פּאַלאַסט,
דו פערזאַמעל אלע אידען.
פאַסט און בעט ביים גרויסען בורא
ער זאָל מיך, זיין דיענסט, בעשיצען,
איך און מיינע קאַמערמיידלעך
וועלען פאַסטען אויך און בעטען."

ד.

עפּעס שלאָפט זיך ניט דעם קעניג
אין זיין רייכען, גרויסען פּאַלאַסט.

אָפּען זיינען זיינע אויגען,
און ער וואַרפט זיך אונגעדולדיג
אין זיין בעט פון ריינעם גינגאָלד,
שטעהען, ציטערן די דיענער
פאר דעם בייזען, שטרענגען קעניג
שלאָפלאָז ווי ביינאכט די סאָווע.
הערט זיך דער בעפעהל פון קעניג
צו זיין לייב-וואַך און די דיענער
וועלכע ציטערן פאר מורא:
„שנעלער ברייננט אהער צו טראָגען
אונזער ספר הזכרונות.“
לעזען הויך דעם קעניג׳ס דיענער

פון אַ גרויסער הויף פערשווערונג,
ווי א איד וואָס רופט זיך מרדכי
האָט פערהיט דעם קעניג׳ס לעבען.
פרעגט דער קעניג זיינע דיענער,
ווי בעלוינט מען יענעם מרדכי
פאר זיין טרייהייט צו דעם קעניג,
פאַר ענטדעקען די פערשווערונג.
און די דיענער קענען מרדכי,
קענען איהם, וואָס זיצט ביים טויער,
און ער בוקט זיך ניט און קניעט ניט
פאר דעם גרעסטען אין דעם פּאלאסט
און זיי ענטפערען אוים שנאה
אַז עם קומט איהם קיין בעלוינונג.
ווער איז דער וואָס קומט אין פּאַלאַסט

איצט אין דיזער שפּעטער שטונדע?
דאָס איז ער, דעם קעניג׳ס ליעבלינג.
דאָס איז אַ המן מיט אַ ביטע
אַז מען זאָל דעם אידען מרדכי
הענגען אויף א הויכער תליה.
פרעגט דער קעניג דיזען המן:

„זאָג, וואָס דאַרף מען טהאָן אַ מענשען
ווען דער קעניג וויל איהם גרויסען
און בעלוינען ווי עס פּאַסט זיך?"
טראַכט ביי זיך דעם קעניג'ס ליעבלינג:
וועמען וויל ער דען בעלוינען
אויב ניט מיך זיין טרייען המן —
און עס קומט גאַנץ שנעל דער ענטפער:

„טהו איהם אָן דעם קעניג'ס קליידער,
זעץ איהם אויף דיין פערד דעם בעסטען,
זאָל דער גרעסטער פון סאַטראַפּען
דורך די גאַסען יענעם פיהרען,
ער זאָל רופען און זאָל שרייען:
„אַט, אַזוי טהוט אונזער קעניג
צו דעם מאַן וואָס ער וויל עהרען."
איז דעם קעניג דאָס געפעלען,
זאָגט ער טאַקי גלייך צו המן:
„געה און טהו דאָס באַלד צו מרדכי,
טהו איהם אָן דעם קעניג'ס קליידער,
פיהר איהם דורך דורך שושן־גאַסען."

ח.

פרעהליך איז אין אסתר'ס פּאַלאַסט
ביים באַנקעט וואָס ווערט געגעבען
פאַר דעם קעניג אחשורוש,
פאַר דעם קעניג און זיין ליעבלינג,
אויף די ווענט און מאַרמאָר זיילען
היינגען אויסגעציערט גאַרלאַנדען,
און דער רייכטהום פון דעם מזרח
בלינקט אַרום פון יעדען ווינקעל.
אין די קונסט געשניצטע בעכער —
אוצרות פון דעם רייכסטען גינגאָלד —
פינקלען אַלטע גוטע וויינען,

פינקלען זעלטענע געטראנקען
וועלכע קוויקען און ערהיצען
און ערמונטערן די טרינקער.

ס'איז דער צווייטער טאָג פון סעודה,
ס'איז דער צווייטער טאָג פון טרינקען,
פרעהליך איז איצט אחשורוש,
פרעהליך איז זיין ליעבלינג המן,
ווי אַ רויז פון טאָהל פון שרון
איז די וואונדערשעהנע אסתר,
איהרע אויגען שיסען פיילען,
ליעבעם פיילען אין דעם קעניג.
און פער'שיכור'ט פון די ווייגען,...
און בעצויבערט פון איהר שעהנהייט
פרעגט צום צווייטען מאָהל דער קעניג
וואָס פערלאנגט די שעהנע אסתר,
ביז א העלפט פון זיין מלוכה,
אויב זי וויל עס, וועט ער געבען!

און זי ענטפערט איהם מיט טרעהרען:
„ניט קיין רייכטהום וואָלט איך וועלען,
ניט א העלפט פון דיינע לענדער,
ניט דיין ריעזיגען פערמעגען —
כ'וויל דו זאָלסט מיין לעבען שענקען,
כ'בעט פאר מיר און מיינע ברידער,
ס'האָט זיי איצט א שטארקער שונא
אין זיין בייזען האַס פערזאורטהיילט
אויסצוקוילען ווי די לעמער,
אָהן א ווידערשטאַנד צו שטארבען,
און דיין קעניגין, דיין אסתר
וועט דער שונא אויך ניט שוינען,
שטארבען וועלען אלע אידען,
שטאַרבען וועט דיין אסתר מוזען...“

הערט דער קעניג אסתר'ס ווערטער,
צינדט זיך אָן מיט ווילדען צאָרן
„דו, מיין אסתר, אין סכנה?
ס'איז צום טויט דיין פאָלק פעראורטהיילט?
ווער איז יענער בייזער שונא
וועלכער זוכט דיין יונגען לעבען?"
„המן", זאָגט זי, און דער קעניג
ווארפט א בייזען בליק אויף המן,
לויפט ארויס אין שעהנעם גאָרטען
דאָרט זיין שטארקען כעס צו שטילען.
וויים שוין אסתר אז בעווילינגט
האָט איהר ביטע אחשורוש
און זי שרייט ארויס מיט שמחה:
„אַך, מיין פאָלק, מיין פאָלק ז'געראטעט!"

אויפ׳ן חורבן

א.

„אַך, זאָגט, ווי וויסט און ווי פארלאָזען
געבליבען איז די גרויסע שטאָדט,
די הערשערין צווישען לענדער,
אין שטויב ערנידעריגט דורך גאָט.
„עס האָט אין ווילדען פרייד דער שונא
דעם אידענ׳ס הייליגטום פארשוועכט.
גאָט׳ס הויז פארברענט און ציון׳ס קינדער
אוועקגעפיהרט מיט זיך אלס קנעכט.
„אָ, קלאָגט און וויינט אויף אונזער חורבן
זאָל טרעהרען גיסען זיך אַ קוואַל,
דער טאָג איז שווארץ פאר פאָלק ישראל,
זיין לעבען ביטער ווי די גאל!...״

* * *

פון יאָהר צו יאָהר, מיט קעפּ געבויגען,
מיט טיעפען טרויער אינ׳ם הארצען
באַקלאָגט דער איד דעם גרויסען חורבן
אין לאנגע קינות און אין „איכה״.
עס ציהען זיך צו ווייטע הימלען
צום שטול פון בורא פון די וועלטען
דעם נביא׳ס קלאָג-ליד און די קינות
ווי זוכען וואָלטען זיי אַן ענטפער.
און ס׳הערט כביכול זייער קלאָגען
און שמייכעלט צו די שרפי קודש:
„זיי האָבען נאָך דאָס אלטע ליעדעל,
און שוויי‏גען וועגען נייעם חורבן.״

* * *

דו קלאָגסט, מיין פאָלק און פאַסט א תענית
אין אָנדענק פון א פאָלק׳ס-טראַגעדיע;
אין יענעם טאָג דריקט שווער דער גלות,
און פאר די אויגען שוועבט דער עבר
פון לאנד און רוה, און גייסטיג לעבען,
נביאים, הייליגע תנאים,
דער בית המקדש . . . קלאָגען, קלאָגען
מעג יעדער איד אין גלות לענדער
און גיסען מעג דער איד מיט טרעהרען
אויף הייליגקייט אין שטויב געזונקען,
אויף גאָט׳ס געבאָט וואָס איז פארגעסען...
ס׳איז א נייער, גרויסער חורבן
ניט פון לאנד און ניט פון פרייהייט,
ניט פון וואנדלען אין דעם גלות,
ניט פון גרויסען צאָהל קרבנות
אויף דעם שווארצען וועלט מזבח.
לאנד און פרייהייט קען מען קריגען
און דער גלות האלט ביים שווינדען,
ציון קען דורך הענט וואָס שאפען
בליהען שעהנער נאָך ווי פריהער,
דאָך דער חורבן בלייבט א חורבן
און עס זעהט זיך ניט קיין רעטונג;
אויף דאָס פאָלק פון אייביג לעבען
שפרייט דער טויט זיין שווארצען שאָטען.

ב.

שעהנער עבר פון מיין אומה,
איינגעטונקט אין זונען-שטראַהלען
מיט דאָס ליכט וואָס קומט פון הימעל,
מיט דאָס ליכט וואָס קומט פון שכינה...

אין דעם טאָג פון אלטען חורבן
האָט דער בייזער, ווילדער שונא
אונזער רוה און לאנד געבראָכען, —
אין דעם טאָג פון אלטען חורבן
האָט דער פיינד מיט ווילדען צאָרן
נאָר די מעריב וואנד געלאָזען
פון דעם אידען׳ס בית המקדש.
פון זיין אייגען לאנד פארטריבען
און גאָט׳ס הויז פארברענט פון שונא,
פון די אַש און האלאוועשקעס
איז איין אוצר איהם פארבליבען
גאנץ און ניט באריהרט פון זיעגער...
מיט דעם אוצר, שטאָלץ, אָהן מורא,
איז דער איד אוועק אין גלות,
מורמלענדיג ביי זיך אין הארצען:
„מעגען בלאָזען בייזע ווינטען,
מעגען דערנער אין מיין וואנדלען
מאכען שווער מיין וועג אין גלות,
איך וועל לאכען פון די ווינטען,
איך וועל לאכען פון די דערנער,
כ׳האָב מיט זיך דעם בעסטען אוצר,
כ׳טראָג דעם סוד פון אייביג לעבען.
כ׳טראָג מיט זיך דעם בורא׳ס תורה,
פאַר דער וועלט דורך מיר געגעבען!
איהרע וועגען — רוה און פריעדען,
איהרע שטעגען זיינען שלום;
ס׳איז דער לעבען׳ס בוים פאר מענשען,
ס׳איז גן עדן׳ס עץ החיים,
וואויל איז דעם וואָס האלט די תורה
און ער געהט אין איהרע דרכים!"

ג.

וואו זייט איהר הייליגע נביאים,
איהר טרייסטער אין דעם אידען'ס נויט?
איהר האָט דאָך אין זיין גייסטיג בנין
די שעהנסטע זיילען צוגעבויט!

אָה, זעהט אצינד דעם אידען'ס חורבן
זיין גייסטיג לעבען איז באנקראָט, —
שטעהט אויף און וועקט מיט איי'רע קולות
אז רחמים זאָל אייך צייגען גאָט.

ער פלעגט דאָך דורך די פיעלע דורות
אין אידען'ס אלע נויטען שטעהן,
צי וועט ער לאָזען יעקב'ס קינדער
אלס פאָלק, אלס אידען אונטערגעהן?

* * *

עס שפרייט דער טויט די שוואַרצע פליגלען
אין מזרח, מערב, צפון, דרום,
עס זעהען זיך גסיסה צייכענס
ביים אייביג פאָלק, ביים פאָלק פון תורה.
אַ גייסטיג טויט! נאָך ערגער, שווערער,
ווי טויזענד טויטען און גסיסות,
ווען ס'דאַרף די זינדיגע נשמה
פון מענשענ'ס גוף זיך אייביג שיידען...
עס צאנקט דאָס ליכט פון אייביג לעבען,
עס צאנקט דאָס ליכט, דאָס ליכט פון תורה,
עס צאנקט דער הויכער גייסט פון אידען
און ס'שטאַרבט מיט אידישקייט צוזאמען!
די אלטע תורה איז פאַרגעסען,
דער שטאַרקער גלויבען איז פארשוואונדען,

מען זוכט זיך שפּאָגעל נייע תורות!
נביאים פאַלשע מאָהלען הימלען
קאָלירט ווי זייערע נשמות,
רויט, אָה, ניט קיין זונען־רויטקייט,
נאָר בלוט. און העסליכע געפיהלען
פון האָס און קנאה געגען מענשען,
פון שטרייט און קאַמף אנטקעגען ברידער,
— דער היפּוך פון דעם אידען׳ס תורה
פון ליעבע, יושר, רוה און פריעדען!...

— — — — — — — — — — — — — —

איהר זעצט זיך תשעה באב צו קינות,
און לאָזט א טרעהר אויף יענעם עבר
קלאָגט, קלאַגט, וואס פיהלען נאָך ווי קלאָגען
אויף אונזער נייעם, גרעסטען חורבן!...

שבת

א.

געענדיגט איז כביכול'ס ארבייט,
א וועלט אין זעקס מעת לעת געשאפען,
דעם קלאָרען הימעל און די שטערען,
די גרויסע זון און די לבנה,
צוויי גרויסע הימעלשע לאנטערנעס
זיי זאָלען טאָג און נאכט צוטיילען . . .
געשאפען פלאנצען און אויך גראָזען
פאר זיינע לעבעדיגע ברואים,
און מיט א מייסטער-ווערק, — א מענשען,
זעקס טעג זיין שאפונג שטאָלץ פארענדיגט.

די נייע זוהן פארגעהט אין מערב,
עס רוקען אָן זיך אבענד שאטענס
פון נאָך א טאָג, און ס'רוהט דער בורא,
און גיט דעם נייעם טאָג א נאָמען
שבת... שבת... טאָג פון רוהען...
און ס'בענשט דער שעפער פון די וועלטען
דעם נייעם טאָג וואס רופט זיך שבת,
און הייליגט איהם פאר אלע דורות
ווייל אין דעם טאָג האָט גאָט כביכול
אליין גערוהט נאָך וועלט-באשאפונג...

פון הויכע הימעלשע געצעלטען
קוקט שבת אויף דער ערד ארונטער,
און זעהט ווי עס פאָרען זיך די מינים
און ס'נעהמט איהם אָן א שטארקער אומעט.

פון אלעם, אלעם האָט דער בורא
אַ פּאָר געשאפען פאר א קיום.
פון אדם'ס ריפּ געשאפען חוה'ן,
נאָר, שבת, שבת, האָט קיין זוג ניט...

קלאָגט זיך שבת פאר דעם בורא,
„גרויסער הערשער פון די וועלטען,
האָסט דעם מענשען און די חיות,
יעדען זיך א פּאָר געגעבען,
האָסט זעקס גלייכע טעג געשאפען,
נאָר מיך, שבת, טאָג פון קדושה,
האָסטו בורא גאָר פארגעסען,
נאָר איך, שבת, האָב קיין זוג ניט".

גיט דער בורא באלד זיין ענטפער:
„שבת, שבת, טאָג פון קדושה,
מיין ניט כ'האָב אָן דיר פאַרגעסען,
און געלאָזט דיך אָהן א זיווג.
דו, מיין הימלישע פּרינצעסין
דארפסט אַ פּרינץ אלס זיווג זיך האָבען,
פון די אלע פעלקער קינדער
איז ישראל מיר דער ליעבלינג,
ער, דער אויסנאהם פון די פעלקער,
ער, דער פּרינץ פון גאנצער מענשהייט,
דו וועסט זיין זיין שעהנע כלה
ער וועט זיין דיין טרייער חתן.
כ'וועל אליין דעם שידוך ריידען —
שבת מלכה — פּרינץ ישראל —
ביים בארג סיני, אין דעם מדבר
וועל איך אייך צוזאמענברייינגען,
און די תנאים אייגענהענדיג
וועל איך אויף צוויי לוחות שרייבען" . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

שטעהט ישראל ביים בארג סיני,
גרייט די תנאים צו עמפפאנגען,
און די כלי־זמר, די מלאכים,
שפּיעלען הימלישע נגונים,
שפּיעלען אויף פאר חתן־כלה —
שבת מלכה — פרינץ ישראל.

גאָט אליין איז דער מחותן,
און בן עמרם איז דער שדכן,
און עס שטראהלט דער בורא עולם
ווי א פאטער ווען די קינדער
פיהרט ער פרעהליך צו דער חופּה.

ס׳לאָזט א וואָלקען זיך ארונטער
און פארדעקט דעם בארג און משה׳ן,
אונטער שטעהט דאָס פאָלק ישראל
אין ערווארטונג פאר דער תורה.

ס׳קראכען דונערען און בליצען
און עס ציטערען די הימלען
ס׳שווייגט די שווארצע ערד אין מורא
ס׳שווייגט אוןווארט דער יונגער חתן.
פון די דונערען און בליצען
הערט א קול זיך שטארק און מעכטיג:

„איך בין גאָט — דיין גאָט, ישראל!
גאָט וואָס האָט דיך פון מצרים
פון דיין יאָך ארויסגעצויגען,
פון פארשקלאפונג דיך ערהויבען
זיין א פאָלק אן אויסדערוועהלטער.
כ׳האָב פאר דיר א שעהנע כלה —
שבת מלכה, די פּרינצעסין,
און אלס חתונה מתנה
גיב איך דיר מיין ליעבע תורה!"

ב.

א ליבער גאַסט פון גאָט׳ס געצעלט
קומט יעדע וואָך אויף אונזער וועלט
און ברענגט אונז רוה און שטילען פרייד,
צו די וואָס ווייסען נאָר פון לייד,
די פרייד און רוה צו יונג און אַלט,
צו די וואָס זיינען אין געשטאַלט
געפורעמט פון דעם גרויסען גאָט,
צו די צו וועמען מזל האָט
געשמייכעלט אונטערטעניג, רוה
צו פיה אין אקער, פיה און לאַסט
ברענגט יעדע וואָך דער ליבער גאַסט,
דער גאַסט פון הימלישען געצעלט,
דער ליבער שבת אויף דער וועלט!

איינגעהילט אין קדושה שטראַלען,
שפּריצען פון כביכול׳ס שכינה,
אין א קלייד פון ווייסע וואָלקענס,
לאָזט זיך שבת באַלד אַרונטער,
ווען די זון פאַרגעהט אין מערב,
שטונדען לאַנג נאָך פאַר איהר קומען
שוועבט אין לופט די קדושה שטימונג,
און א כאָר מלאכים זינגען
ס׳קומט דער שבת באַלד אַרונטער,
ס׳קומט דער שבת באַלד אַרונטער,
פרעה זיך, פרעה זיך, פאָלק ישראל,
מיט דער געטליכער מתנה,

לאַנגזאַם זינקט די זון אין מערב,
פרעהליך געהט מען באַלד אַנטקעגען
צו דעם גאַסט וואָס רופט זיך שבת,
צו דעם אידען׳ס שעהנע כלה,
זי, וואָס הייסט די מלכה שבת,

און מען זינגט די פרייד געזאנגען,
„בואי כלה, בואי כלה,
לכה דודי לקראת כלה,
קום באַגעגענען דעם שבת,
בואי כלה, בואי כלה.״

קיינער זעהט ניט די פרינצעסין,
קיינער זעהט דעם גאַסט דעם ליבען,
נאָר עס פיהלט זיך שטארק די קדושה
פון איהר ערדישען פארוויילען,
ס׳שוועבט די רוה און פרייד די שטילע
אויף א פאָלק אן אויסערוועהלטען
פון דעם בורא פון די וועלטען.

גלות . . . שטיף-קינד פון די פעלקער
איז דער אלטער פרינץ ישראל,
גלות . . .
טעג אין שווארצע נעכט פארוואנדעלט,
נעכט, וואָס אָטעמען מיט שרעקען,
הפקר ווי אווילדע חיה,
שוצלאָז ווי אן עוף ביים שפארבער,
ער, דער שטאָלצער פרינץ, דער יחסן,
ווערט ערנידריגט און באליידיגט,
ער, וואָס האָט א גאָט געגעבען
און א תורה צו די מענשען,
האָט זיין מענשליכקייט פארלאָרען
אין די אויגען פון די שכנים.
האָס און צאָרן איז זיין חלק.
הונט? אָ, ניין, מיט שטאפלען ערגער!
ער, א נבזה׳דיגער וואָרים,
וועמען יעדער מעג דאָך טרעטען.

נאָר וואונדער . . . איינמאָל אין דער וואָך
ווי א געהיימע צויבער-האנד
וואָלט פלוצלונג כשוף אויסגעאיבט,

ווערט פון א וואָרים פון דאָסניי
פארוואנדעלט אין א פּרינץ דער איד.
ער טוט דאָס וואָכעדיגס זיך אויס,
די שאנד-בגדים בייט ער אום,
זיין פּנים דריקט איצט אוים א פרייד,
ווי איינער וואָס ערווארט א גליק,
און ווען דער אָוונד רוקט זיך אָן
דאָן הערט זיך באלד זיין פרייד-געזאנג:

„לכה דודי לקראת כלה,
קום באַגעגענען די כלה,
קום באַגעגענען דעם שבת,
בואי כלה, בואי כלה,
קום מיין כלה, מיין פּרינצעסין,
ליבער שבת, שבת מלכה!"

חורבן פראָסקוראָוו

1.

אָ, עפענט אויף דעם קוואַל פון איי׳רע טרעהרען
און זאָל דער שטראָם יעצט לינדערן דעם וועה,
דעם טיעפען שמערץ וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט
אין אידען׳ס ברוסט מיט יעדען הילפס-געשריי!

און זאָל די גאָל אין טייכען זיך פערוואַנדלען
און אויסגיסען דעם פלוך אויף יענע הענד
וואָס האָבען אידען׳ס לעבענס אָבגעריסען
און קאַלטבלוטיג געקוילעט און געברענט...

עס האָט די וועלט אין בלוט זיך לאנג געטרונקען,
עס האָט דער קריעג דעם מענשען׳ס האַס בעפרייט
און בלוט-דורשט פון א ווילדער בייזער חיה
ענטוויקעלט אין די מאַסען האָט די צייט.

און ווי א לעמעלע צווישען בייזע טיגערס
געפונען האָט דער איד זיך נאָך דעם קריעג,
אַ שפיעלכעל ביי די ווילדע בייזע מאַסען,
און מאכטלאָז ווי ביים שפין די שוואַכע פליעג.

און אידען׳ס בלוט האָט אָנגעפאנגען פליסען,
און ס׳וואַקסט די בלוט-באָד מיט א יעדען טאָג
דאָס זיינען ניט קיין איינפאכע פאָגראָמען,
דאָס זיינען ניט דעם אידען׳ס אַלטע קלאָג.

דאָס זיינען שחיטות, שחיטות אויסצואוואָרצלען
אַ פאָלק וואָס איז נאָך הפקר אויף דער וועלט,
און קיינער וואָגט קיין האַנד ניט אויפצוהויבען
פאַר די וואָס זיינען אויסער שוטץ געשטעלט!

2.

עפּענט אויף דעם קוואַל פון טרעהרען.
וויינט אויף אונזער נייעם חורבן,
וויינט אויף פּראָסקוראָוו וואו ס'זיינען
טויזענדער פון אונז געפאַלען.

ס'האָט דער גרויער ווינטער מאָרגען
אָנגעזאָגט אז ס'איז געקומען
נאָך אַ טאָג פון שרעק און אַנגסטען
פאַר די אידען פון דער שטעדטעל.

נאָך אַ טאָג פון שרעק און אַנגסטען
פון ערוואַרטונג און פון מורא,
מורא פאַר דעם ווילדען אויסברוך
וואָס דער נייער טאָג וועט ברייננען.

גרוי געוועזן איז דער פריהמאָרגען,
און די לופט איז פראָסטיג שניידענד
ווען עס האָט די גרויסע שחיטה
אויף די אידען אויסגעבראָכען.

ווי דער שטורם אין דער מדבר,
ווי דער מעכטיגער טאָרנאַדאָ
וועלכער טויטעט און פערניכטעט
אין זיין ווילדען שטאַרקען צאָרן.

ווי דער שטורעם אין דער מדבר
האָט אויף אידען אויסגעבראָכען
יענער דורשט נאָך בלוט און לעבענס
לוסט צו טויטען און צו מאָרדען.

ווי דער שטורעם אין דער מדבר
האָט דער טויט זיך דאָרט געטראָגען
און געשניטען ווי די לעמער
טויזענדער פון אונז׳רע ברידער.

שנעל, ווי ס׳וואָלט דער טאָג ניט ווארטען
האָט די מאַסע, ווי דער שטורם
זיך געטראָגן איבער גאַסען
דורכצופיהרען די פערניכטונג.

ווען דער אבענד איז געקומען
און פערשפרייט די שווארצע שאָטענס
האָט דאָס שטעדטעל זיך פערוואַנדעלט
אין א ריעזיגען בית עולם.

חנוכה ליכטלעך

1.

הייליגע ליכטעלעך,
חנוכה ליכטעלעך,
פול מיט ערינערונג
איז אייער פלאַם ;
פינסטערניש, ליכטיגקייט,
העלדישקייט, פייניגונג,
צווייפעל און האָפענונג,
צרות אַ ים !

קליינינקע ליכטעלעך,
חנוכה ליכטעלעך,
שוואַך אייער פייערל
דוכט זיך גאַר אוים —
כחות פערבאָרגענע
האָט איהר אין שימערן
ים׳ען מיט ליכטיגקייט
גיט איהר אַרוים !

יאָהרען שוין טויזענדער
האַלט איהר אין שימערן,
זונען איהר לייכטענדע
פאַר אַ נאַציאָן !
זיסע פערגאַנגענהייט,
טרייסט אין דער געגענוואַרט
פול מיט אַ האָפענונג
פילט איהר אונז אָן !

2.

איהר זייט די עדות פון דעם איד'ס בעפרייאונג,
פון מאקאַבעער, פון דעם אידען'ס מוטה
פון ליעבשאפט צו זיין לאנד, ווען ס'האָט דער שונא
געוואָלט דערטרינקען אונז אין אונזער בלוט.

מען האָט אייך און דעם טעמפעל אָנגעצונדען
אין אונזער לאַנד צו פייערן אַ נס —
דעם פאָלקס'ס בעפרייאונג און א טעפיל בוימעל
וואָס האָט געברענט דורך וואונדער אכט מעת לעת.

איהר האָט בעלייכט דעם אידען אין זיין גלות,
געוועקט אין איהם דעם מאקאבעער גייסט.
געזאָגט דער נס קען לייכט זיך ווידערהאָלען
ווען ליבשאפט צו זיין לאַנד א פאָלק בעווייזט.

און ווען דער איד אין ענדע מאָנאַט כסלו
דעם אלטען לעמפּעל נעהמט אראָפּ פון וואַנד
דאַן קומט צוריק ביים אָנצינדען די ליכטלעך
די אָלטע בענקשאפט נאָך דעם אידען'ס לאַנד.

3.

אָ, גליקליכע צוקונפט
אָ, גליקליכע צייט,
דער נס איז געקומען
דאָס לאַנד איז בעפרייט.

עס קלינגט היינט מיט שמחה
מיין חנוכה ליעד
צוריק צו זיין ערבשאַפט
געקומען ז׳דער איד.

אַ היימלאנד פאַר אידען,
דעם גלות אַ סוף,
און ציון פערוואונדערט
ערוואַכט פון איהר שלאָף.

4.

נעהמט אַראָפּ דעם אַלטען לעמפּעל,
צינדט די ליכטלעך אַלע אָן,
ס׳איז די פרייהייטס צייט געקומען
פאַר דער אידישער נאַציאָן.

ניינצעהן הונדערט יאָהר אין גלות,
ניינצעהן הונדערט יאָהר געקלאָגט.
פרעהט זיך וואָס די נאַכט פערשווינדעט
און דעם אידען׳ס הימעל טאָגט.

הייסט די בייזע צווייפלער שווייגען,
צווייפלען איז ניט יעצט די צייט
ווען דער חנוכה פון פרייהייט
ווערט אונז נאָכאמאָהל בעגייט !

אינהאלט פארצייכנים:

זייט

אין ציון'ס וויינגערטנער 7

דער אייביגער פּאַדים 15

דער רב פון קראסניק 37

מצרים און מדבר:

אויפ'ן נילוס 57

די פּראָבע 60

משה ביים סנה 66

קינדער פון דער ערד 71

עצמות יוסף 77

ביים ים סוף 83

אז ישיר 86

ואתחנן 88

די תורה 91

חורבן ירושלים 95

אסתר 101

אויפ'ן חורבן 110

שבת 115

חורבן פּראסקוראָוו 121

חנוכה ליעדער 124